יזכו לאור עי"ר
איחוד
תלמידי חסידי טאהש

גליון
# באור החיים

חג הפסח - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתע"ה



הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ח ר' יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו
לע"נ זקינו הרה"ח ר' דוד בן ר' אליעזר צבי ע"ה
היארצייט ביום כ"ה ניסן הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה


## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע


המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו (טאהש)
לע"נ אמו האשה החשובה מרת רויזא בת ר' יוסף ע"ה - יארצייט י"ג ניסן
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


### האדם צריך לחזק את עצמו שהקב"ה ירחם עליו כמו ביציאת מצרים

**למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך.**

ענין זכירה זו שנתחייבנו בה, פירשו הספרים הקדושים, שעי"ז יכול האדם לחזק עצמו בכל עת נסיון וחשכות, כשיזכור שבני ישראל היו משוקעים במצרים במ"ט שערי טומאה, עד שאילו נתעכבו שם עוד רגע אחד היו נכנסים ח"ו לשער הנו"ן, שממנו לא היו יכולין לצאת לעולם, ועם כל זה פסח ה' על הפתח והוציא אותנו מהמ"ט שערי טומאה ברגע אחד, כן הדבר בכל אדם, שאף אם הוא משוקע בתאוותיו מנסיונות הזמן, ומסור בידי היצר, ואינו יודע האיך לשית עצות בנפשו להתקרב אליו יתברך, יחזק עצמו ויבטח שהשי"ת יוציאו מכל זה, ועליו לעשות את שלו לעבוד אותו בתורה ותפלה, עד שהקב"ה ירחם עליו.

(עבו"ע שיח"ק פסח)

### בפסח יורד אור גדול לטהר החמץ שבקרבנו

**אור לארבעה עשר בודקין את החמץ.**

אמרו חז"ל ריש פסחים 'אור' לארבעה עשר בודקין את החמץ, ולא אמרו 'ליל ארבעה עשר', כי בא לרמז, שהקב"ה מאיר בקרבנו אור גדול, שעל ידי האור הזה יהא בכחנו לבדוק ולבער החמץ שבלבבנו, ולטהר לבנו מכל כוחות הרע, וכן בליל פסח הקב"ה מאיר ומגלה אורו עלינו באתערותא דלעילא, כדי שתתגלה מלכותו יתברך בפנימיות נפשו של כל אחד מישראל, ועל ידי זה אנו זוכים בליל פסח ליציאת מצרים פרטית, שאנו יוצאים לחרות מכבלי היצר.

(עבו"ע דב"ק צו הגדול)

### בשירת הים היתה השכינה מדברת מתוך גרונם

**אז ישיר משה ובני ישראל.**

פירש"י עלה בלבם לומר שירה.

לכאורה מאי שנא הכא שמגלה לן הכתוב כי עלה בלבם לשיר, הלא בכל דבר יש מחשבה קודמת למעשה.

כתבו בספרים כי באמת כאן בשירת הים לא עשו ישראל כלום, רק זאת שעלה בלבם לשיר, והכינו את עצמם לומר שירה לפניו יתברך, מה שאין כן עצם אמירת השירה, היתה בבחינת שכינה מדברת מתוך גרונם, כי כמו במשה כתיב משה ידבר והאלקים יעננו וכו', שמשה היה בבחינה הזאת תמיד, כן הגיעו עכשיו לזה הבחינה כל בני ישראל, וזהו שכתוב אז ישיר משה ובני ישראל, כי כל בני ישראל היו אז בבחינת משה, ששכינה היתה מדברת מתוך גרונם, ובזה מובן גם כן מה שאמרו ז"ל כי אפילו עוברות שבמעי אמן אמרו שירה, כי בכאן לא הוצרך כלל חוש הדיבור, כי היתה שכינה מדברת מתוך גרונם.

(מרן רביה"ק זי"ע)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**והארץ, די ארציות'דיגע גשמיות'דיגע זאכן, נתן לבני אדם, דאס דארפן נאך די מענטשן אויסארבעטן אז ס'זאל זיין לה'.**

(שפת"ק ח"א ה')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' מרדכי ווידער הי"ו (טאהש)
לע"נ אביו הרה"ח ר' חנוך אלימלך ב"ר יושע ע"ה - יארצייט י"ח ניסן
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## פסח איז מען זוכה אז די כח הקדושה זאל זיין דער עיקר פאר'ן מענטש

אין די אלע בחינות זענען מיר זוכה אין דעם הייליגן יום טוב, וויבאלד מיר האבן מבער געווען די כחות פונעם יצר הרע, דורך די מצוה פון ביעור חמץ, און דורכן עוסק זיין אין אכילת מצה, וואס מיט דעם כח פירן מיר א מלחמה קעגן די בחינת הס"א, ווייל מצה איז א לשון פון מצה ומריבה, און דורך דעם ברענגן מיר אריין אין אונז די כח הקדושה, אזוי ווי די פסוק זאגט 'מצות תאכל במקום קדוש', אז ווען מיר עסן די מצה ווערט אין אונז א מקום קדוש, און דורך דעם זענען מיר זוכה מקיים צו זיין די פסוק קדש לי כל בכור וגו', דאס מיינט אז די כח הקדושה זאל זיין ביי אונז די ראש וראשון, און מען זאל זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן מתוך אהבה, 'פטר כל רחם בבני ישראל', און מעלה זיין די בחינת אדם ובהמה, אז אלע עסקי הגוף והנשמה זאלן זיין לשם שמים, און דורך דעם איז מען זוכה צו א יציאת מצרים פרטיות, היום אתם יוצאים בחודש האביב.

(עבו"ע פתג"ק לפסח)

## אין צייט פון א נסיון פארלירט מען אלע מדריגות

אין די שירה שטייט, עזי וזמרת קה ויהי לי לישועה, זה קלי ואנוהו אלקי אבי וארוממנהו. זאגט דער מדרש אויף דעם, בא וראה כמה גדולים יורדי הים, משה נתחבט ונתחנן לפני המקום עד שראה את הדמות וכו', ועולי הים כל אחד ואחד מראה באצבעו ואומר זה קלי ואנוהו, דארף מען פארשטיין דעם מדרש, פארוואס רופט ער קודם אן די אידן יורדי הים און נאכדעם עולי הים.

און נאכדעם איז שווער חז"ל זאגן דאך אז די אידן זענען נישט אראפגעגאנגען אונטן, נאר זיי זענען געגאנגען גלייך אזוי ווי אן אינזל, אויב אזוי פארוואס רופט זיי דער מדרש אן יורדי הים.

נאר די ספרים הקדושים זענען מסביר, אז פאר דער אייבערשטער שיקט א נסיון פאר א מענטש, נעמט דער אייבערשטער קודם צו אלע זיינע מדרגות, אזוי אז ער שפירט גארנישט דעם אייבערשטן, דעמאלטסט האט ער ריכטיג א בחירה ווי אזוי בוחר צו זיין, און אויב א מענטש איז זיך דעמאלטסט מתגבר, ער שטייט ביי די נסיון אפילו ער שפירט גארנישט, קומט ער דורכדעם צו נאכדעם צו העכערע און גרעסערע מדריגות און השגות נאכמער

ווי פריער, ווי מ'זעט ביי יוסף הצדיק ביי די נסיון פון אשת פוטיפר זאגן חז"ל אז ווען נישט דאס וואס דמות דיוקנו של אביו נראה לו בחלון, וואלט ער חלילה נישט בייגעשטאנען דעם נסיון, ער האט דעמאלטס נישט געדענקט גארנישט און גארנישט געשפירט, נאר זיין שלשלת פון ווי ער קומט האט ער זיך דערמאנט, ער האט פארלוירן אלע זיינע מדריגות, און אעפ"כ איז ער אנטלאפן פון די תאוה מיט גוואלד, וינס ויצא החוצה, נאכדעם איז ער אין דעם זכות צוגעקומען צו געוואלדיגע מדריגות, ער איז געווארן דער משפיע ער איז געווארן דער צדיק היסוד.

דאס זענען חז"ל מרמז מיט'ן לשון יורדי' הים, דאס איז מרמז אז אידישע קינדער ביי קריעת ים סוף האבן פארלוירן אלע זייערע מדריגות, מ'האט זיי צוגענומען די אור המוחין וואס זיי האבן משיג געווען ביי די נאכט פון יציאת מצרים, זיי זענען געווען אין א מצב פון ירידה ממדריגתם, און עם כל זה, כאטש זיי האבן נישט געשפירט גארנישט, זענען זיי אריינגעשפרינגען אין וואסער אריין מיט מסירת נפש עד חוטמם, דורך דעם זענען זיי נאכדעם געווארן עולי' הים, זיי זענען צוריק נתעלה געווארן און צוגעקומען צו געוואלדיגע מדריגות, זיי האבן געזען דעם אייבערשטן אליין כביכול און געזאגט זה קלי ואנוהו.

(עבו"ע אמ"ק לאחש"פ)

# א וואָרט צום יום טוב טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב לע"נ האשה החשובה **נחמה אסתר** ב"ר **מאיר** ע"ה פאפלאנאש
יארצייט כ"ג ניסן - אסרו חג הפסח
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה צום יום טוב טיש

### קדש; כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן

מ'קען טייטשן די ווערטער פון קדש בדרך רמז, ווען דער טאטע קומט אהיים שוהל, 'דער טאטע' - הקדוש ברוך הוא, ווען ער קומט אהיים פסח אויפדערנאכט פון שוהל, זעענדיג ווי די אידישע קינדער זענען מיד און אויסגעמיטשעט פון די גרויסע הכנות צום יום טוב פסח, און מיט-דעם-אלעמען רעכטן זיי אפ א סדר, זיי זאגן הלל מיט התלהבות, 'דארף ער באלד מאכן קידוש', און מקדש זיין זיין פאלק מיט א נייע קידושין, דורכן אויסלייזן די אידן פון גלות, 'כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן', - כדי די אידן וועלכע ווערן אנגערופן בנים למקום, זאלן נישט פארזינקן ווערן אין דעם פינסטערן גלות, און זיך חס ושלום מייאש זיין פון די גאולה, זיי זאלן 'קענען פרעגן די קשיא מה נשתנה', פארוואס איז דער יעצטיגער גלות אנדערש ווי אלע פריערדיגע גלות'ער אז דאס מאל איז עס אזוי לאנג.

(הרה"ק משפאלע זי"ע)

### כל דכפין ייתי וייכול

די גמרא זאגט פארוואס ווערט די מצה אנגערופן 'לחם עוני', דער תירץ איז, 'שעונין עליו דברים הרבה', כלשון יענך ה'.

קען זיין דער פשט, אז דער באשעפער ענטפערט און ערפילט אלע בקשות וואס מען בעט פון אים אין פסח. דאס איז דער טייטש 'כל דכפין', - יעדער וואס איז הונגעריג נאך א ישועה, 'ייתי' - זאל ער קומען און בעטן, 'וייכול' און ער וועט קענען אויס'פועל'ן (לשון יכול), 'כל דצריך' - יעדער וואס דארף רחמים, 'ייתי' - זאל קומען אפרעכטן דעם סדר, 'ויפסח' - און איך וועל רחמנות האבן, (ע"פ פירוש התרגום על ויפסח "וחמלתי") און צושיקן א ישועה.

(הרה"ק השר שלום מ'בעלזא זי"ע)

### מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים

די סגולה פון דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים, איז כדי צו ממשיך זיין דורך דעם ניסים ונפלאות, ווייל דאס דערציילן איז מעורר דעם כח פון יענע צייט און עס קומט אראפ א פרישע שפע פון חסדים און ישועות בדרך נס ופלא.

דאס איז דער לשון פונעם ווארט 'הגדה', פון לשון 'גוד או אגוד', וואס מיינט ציען, ווייל דורך דערציילן וועגן די ניסים פון יציאת מצרים איז מען ווייטער ממשיך די זעלבע ניסים בימים ההם ובזמן הזה.

(הרה"ק בעל נועם אלימלך זי"ע)

### והיו מספרים ביציאת מצרים כל אותו הלילה

לכאורה איז די ווארט 'אותו' איבריג, פארוואס פעלט אויס צו זאגן והיו מספרים ביציאת מצרים כל 'אותו' הלילה.

נאר עס שטייט אז אין דער נאכט פון יציאת מצרים זענען די אידן געווען אין זייער א גרויסע מדריגה, און 'ספיר' איז א לשון פון שיינען, דאס זאגט דער בעל הגדה, והיו 'מספרים', עס האט געשיינט פאר זיי כל 'אותו' הלילה, אזוי ווי יענע נאכט פון יציאת מצרים, אז די הייליגע תנאים האבן ממשיך געווען די מדריגות פון יענע נאכט יציאת מצרים.

(הרה"ק בעל באר מנחם זי"ע)

### הקהה את שיניו

יעדע מענטש, אפילו א רשע, האט אין זיך אביסל הייליגקייט, ווייל אן דעם ניצוץ הקדוש קען א מענטש נישט לעבן, דעריבער איז אין דעם ווארט רשע דא דעם 'שי"ן', ווייל דער אות שי"ן געפינט זיך אין דעם שם שד"י, דאס קומט צו מרמז צו זיין, אז דער רשע קען אויך נאר לעבן ווייל ער האט אין זיך אביסל הייליגקייט.

דאס איז דער פשט אין די ווערטער 'הקהה את שיניו', דער רשע וואס ער איז א כופר בעיקר האט שוין נישט קיין שום שייכות צו די קדושה, דעריבער דארף מען ארויסקלאפן פון אים די שי"ן (שיני"ו), ממילא וועט ביי אים אויך נישט פארבלייבן די ביסל הייליגקייט, וועט ער שוין פון זיך אליין שטארבן.

(הרה"ק בעל בני יששכר זי"ע)




### ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה

'מן העבודה' די אידן האבן געשריגן צום בוכ"ע אז זיי ווערן געשטערט פון עבודת השם יתברך אין לאנד מצרים.

(הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע)

### שפוך חמתך

עס שטייט אין שפת אמת אז די טעם פארוואס מ'עפנט די טיר ביי 'שפוך חמתך' איז צו ווייזן אז די גאולה העתידה וועט זיין אפן, נישט אזוי ווי אין מצרים וואס עס שטייט 'ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד הבקר' אז זיי האבן נישט געקענט זעהן די שטראפן פון די מצרים, אבער לעתיד לבא וועלן מיר זוכה זיין צו זעהן די מפלה פון די רשעים אפען.

(שפת אמת)

### ככל אשר עשה וגו' במצרים לעיניך

דאס וואס דו האסט געליטן אין מצרים 'לעיניך', איז נאר געווען פאר דיינע פליישיגע אויגן, אבער עס איז אלעס געווען פאר דיין טובה.

(הרה"ק רבי ר' ברוך ממעזיבוז זי"ע)

### ואמרת זבח פסח הוא לה'

'ואמרתם', אויב מען וועט זאגן 'זבח' מיר ווילן ברענגען א קרבן פארן אייבערשטן, איז די עצה 'פה סח לה'', מען זאל רעדן תורה און תפלה פארן אייבערשטן, און דאס וועט גערעכנט ווערן פאר א קרבן.

(הרה"ק בעל קדושת לוי זי"ע)

### מצה זו שאנו אוכלים

דער פסוק זאגט 'מצות תאכל במקום קדוש', דאס פלאץ וואו מען עסט די מצה איז דאס מויל, זאגט דער פסוק, אז מען דארף עסן מצה מיט א הייליג מויל, מען זאל פאר פסח מאכן די ריכטיגע הכנה אויסצוריינינגן דאס מויל פון אלע דיבורים אסורים.

(הרה"ק בעל תפארת שלמה זי"ע)

### ונודה לך על גאולתינו

מיר לויבן דעם אייבערשטן אויף צוויי זאכן, איינס אויף די גאולה פון גלות השעבוד, און צווייטנס אויף די גאולה פון גלות הרוחני, דעריבער זאגט מען 'על גאולתינו', וואס איז מרומז אויף די גאולה פון קושי השעבוד, 'ועל פדות נפשינו' איז מרומז אויף די גאולה רוחניות.

(הרה"ק בעל באר משה קאזניץ זי"ע)

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **אב"ד שער התפלה** שליט"א (לעיקוואד)
להגל הכנסת בנו הב' שמעון דוד הלוי ניימאן נ"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לדורות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## דרשת שבת הגדול
## מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א
### בבית המדרש הגדול דקריתינו הק'
### שב"ק צו - הגדול תשפ"ו

איך האב שוין געזאגט פריער'דיגע יארן, אז דאס וואס רבי גמליאל זאגט כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח, לא יצא ידי חובתו", אז דאס גייט ארויף אויף די דריי זאכן וואס מען דארף מעורר זיין ביי די דרשה פון שבת הגדול פסח, מצה, מרור.

**די ערשטע זאך איז "פסח"**, מען דארף רעדן איבער די דינים און הלכות, וואס זענען נוגע למעשה אין פסח, אזוי ווי דער מגן אברהם (סימן תכ"ט) שרייבט: והעיקר להורות לעם ה', דרכי ה', ללמוד המעשה אשר יעשון.

**די צווייטע זאך איז "מצה"** מען דארף רעדן און מעורר זיין איבער דעם ענין, פון באזארגן אנדערע אידן מיט א שטיקל מצה, עס איז נישט גענוג וואס יעדער באזארגט זיך אליין, נאר מען דארף באזארגן אויך די עניים מיט מצה, אזוי ווי עס ווערט געפסקנט אין רמ"א, ונוהגים לקנות חטים, ולחלקם לעניים.

**און די דריטע זאך איז, "מרור"** מען דארף מעורר אויף די נסיונות וואס זענען בבחינת "מרור", וואס פארביטערט דאס לעבן פון ערליכע אידן, יעדער וויל הערן דעם דבר השם, און יעדער וויל וויסן וויאזוי זיך צו ראטעווענען פון די שווערע נסיונות, און צו ראטעווען זייערע קינדער און אייניקלעך.

און דאס זאגט רבי גמליאל מי שלא אמר שלשה דברים אלו, לא יצא ידי חובתו, אז אז א רב וואס זאגט נישט די דריי זאכן, עך איז נישט מעורר אויף די דריי זאכן לא יצא ידי חובתו, מיט בלויז זאגן א דרוש בדרך פלפול, אדער א בירור אין א סוגיא אין ש"ס, אדער פארענטפערן א שווערן רמב"ם, האט מען נישט יוצא געווען דעם עיקר תכלית פון די דרשה.

האב איך געטראכט, ביים יעצטיגע דרשה מקיים צו זיין די ווערטער פון רבי גמליאל, צו רעדן פון די דריי זאכן, פסח, מצה, ומרור.

### מרור

יעצט וועל איך צוגיין צו די דריטע זאך וואס רבן גמליאל האט געזאגט, דאס איז "מרור", מען דארף מעורר זיין אויף די נסיונות וואס פלאגט דעם דור וואס זענען בבחינת "מרור", עס פארביטערט דאס לעבן פון ערליכע אידן, און מען דארף חיזוק נישט מיטגעשלעפט צו ווערן מיט די נסיונות.

הרה"ק מסאטמאר זי"ע (אין הגדה של פסח מהר"י ט"ב) שטעלט זיך אויפן פסוק על מצות ומרורים יאכלוהו פארוואס שטייט "ומרורים" מיט א לשון רבים, בשלמא "מצות" איז א חיוב צו עסן מערערע כזיתים, איבער דעם שטייט "מצות" בלשון רבים, אבער דער חיוב פון מרור איז דאך נאר איין כזית, פארוואס שטייט "מרורים" בלשון רבים.

ענטפערט ער אז אויסער דעם, וואס עס איז א מצוה צו עסן מרור אלץ זכר וימררו את חייהם בעבודה קשה אין מצרים, דארף מען אויך מאכן א זכר, אויף די פריוואטע מרור וואס אידישע קינדער מאכן מיט, דאס מיינט אז בשעת מען פירט דעם סדר, דארף מען אויך אינזין האבן אויף די גזירות און רדיפות וואס כלל ישראל מאכט מיט, און דאס איז דער לשון רבים "ומרורים" אלע ביטערע גזירות.

עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך אז ווען מען זאגט "מרור זה שאנו אוכלין" זאל מען ווייזן מיט די פינגער "מרור זה", די כוונה איז אז מען דארף אנווייזן מיט די פינגער וואס איז די ריכטיגע מרור פונעם היינטיגן דור, יעדער דור האט אירע מרור, און מען דארף צו וויסן זיך צו היטן נישט אריינצובייסן אין אזא כזית מרור.

ליידער ליידער עסט כלל ישראל אין יעדן דור ביטערע כזיתים מרור, אזוי ווי מען זאגט שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו, אלא שבכל דוד ודור עומדים עלינו לכלותינו, אין לך דור שאין קללתו מרובה מחברתה, יעדע דור מיט זיינע נסיונות, וואס זענען פשוט עומדים עלינו לכלותינו.

**אבער דער "מרור זה שאנו אוכלין" אין אונזער דור, איז די ביטערסטע מרור וואס כלל ישראל האט פארמאגט מאז היתה לגוי, וואס דאס איז די שרעקליכע נסיון פון די טעכנעלאגישע כלים, די אינטערנעט ואביזרייהו.**

**ערליכע אידן זענען זייער דערשראקן פון די שרעקליכע נסיון, יעדע טאטע מאמע, בהאי פחדא יתבו, וואס וועט זיין דער עתיד פון אונזערע קינדער און אייניקלעך.**

מיר דארפן דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער שמסר עולמו לשומרים, די צדיקי הדור פון אונזער דור, מיט די הילף פון די גדולי הרבנים, האבן זוכה געווען אונז צו ראטעווען מיר זאלן חלילה נישט אריין פאלן אינעם פינצטערן תהום, און אין שאול תחתית פון די פארשאלטענע אינטערנעט, די רבנים האבן געאסר'ט זיך צו באנוצן מיט די אינטערנעט, זיי האבן פארלאנגט אז יעדע כלי משחית דארף צו האבן א שמירה מעולה און א גוטע פילטער, און זיי האבן געשטעלט גדרים וסייגים וויאזוי מען זאל זיך באנוצן מיט די כלי לצורך פרנסה, און ב"ה יעדער אשר רגלו עמדה לפני הר סיני האלט אן די גדרים, און דאס האט געראטעוועט אונזער דור למחצה לשליש ולרביע.

**אבער די גמרא זאגט דאך אז מרור איז "תחלתו רך וסופו קשה", די טבע פון מרור איז, אז ווי שפעטער ווערט עס אלץ ביטערער, אזוי אויך די מרור פון אונזער דור, די טעכנעלאגיע מיט אירע אפראטן, ווערן יעדע שטיקל צייט ערגער און ערגער, ואין לך יום שאין קללתו מרובה מחברתה, אזוי ארום אז מיר האלטן היינט צו טאג אין אזא ביטערע מרור וואס עס איז נישט געווען ביז יעצט, דאס איז די נייע אויסגעטראפענע טעכנעלאגיע מיטן נאמען "עי איי".**

## נסיון העי איי

**דער נייער נסיון פון די עי איי, איז א שרעקליכע נסיון וואס לא שערום אבותינו, עס איז א חורבן בגשמיות וברוחניות, און אפילו להבדיל די גויש'ע וועלט האלטן אז דאס איז א חורבן פאר די מענטשהייט.**

אבער פאר אונז איז נישט נוגע וואס דער גוי'שע וועלט האלט, אונז דארפן זען וואס די תורה האלטן איז דעם ענין, וויל אויף די ערשטע בליק זעט עס אויס א מורא'דיגע אויפטו פאר די תורה'דיגע וועלט, מען קען דארט קלאר ווערן מיט יעדע שוועריגקייט פון די תורה, און באקומען א תשובה אויף יעדע שווערע סוגיא אין ש"ס, און באקומען ידיעות בכל מכמני התורה, אויב אזוי מה כל הרעש הזה.

**די ערשטע זאך איז, אז יעדער איז מודה אז די חכמה פון די עי איי פארמאגט אין זיך אלע דריי עבירות החמורות בתורה, עס פארמאגט אין זיך יעדע טומאה וזוהמה, און יעדע תועבה ותאוה.**

**עס פארמאגט אין זיך יעדע עבודה זרה און גלויבן וואס עס עקזעסטירט אויף די וועלט, עס איז פול מיט מינות און כפירה.**

און בלויז וועגן דעם דארף אנטלויפן דערפון כמטחוי קשת, און מען טאר נישט שטיין אין די ד' אמות, און דאס האט אין זיך אלע איסורים וואס די רבנים הגאונים האבן ארויף געלייגט אויף די פארשאלטענע אינטערנעט.

**עס כאפט פשוט אן א פחד, ווען מען טראכט אריין אין וואס פאר א סכנה אונז שטייען, און אין וואס פאר א סכנה אונזערע קינדער שטייען, א בחור אדער א יונגערמאן, וואס האט א שייכות צו די עי איי איז א גברא קטילא מיט ביידע סימנים, ער פארלירט ביידע עולמות, ער קען ווערן אין א קורצע צייט ווי דער בן הרשע וואס פרעגט מה העבודה הזאת לכם, א טאג פריער איז ער געווען דער בן החכם, וואס האט געפרעגט מה העדות והחקים והמשפטים, אבער נאכן דריקן אפאר קנעפלער, קען ער ווערן אינגאנצן אוועקגעריסן, און אפגעקילט, און פרעגן מה העבודה הזאת לכם, לכם ולא לו.**

די צווייטע זאך איז, עס זענען דא וואס פרעגן צי מען מעג בלאקירן אלע וועלטליכע זאכן פונעם עי איי, מען זאל נישט קענען צוקומען צו קיין שום זאך, און דאס נוצן נאר די תורה'דיגע חלקים.

איך וויל איבער זאגן א שמועס וואס איך האב געהערט פון יונגעלייט, זיי זאגן אז זיי פארשטייען די סכנה פון די עי איי, אבער זיי פארשטייען נישט וואס איז די פראבלעם ווען מען פרעגט אן תורה'דיגע ענינים, מען זיכט א פארשטיפטע ענין, מען וויל וויסן אידישע היסטאריע, און די עי איי ענטפערן גלייך אויפן פלאץ, אזעלכע גאונישע תשובות, זיי קלארן אויס יעדע פארפלאנטערטע סוגיא, און דאס קען מאכן א געוואלדיגע חשק צום לערנען, עס איז ממש דער אורים ותומים בדורינו.

א צווייטער יונגערמאן האט זיך אנגערופן מיט א גופטיגע ווערטל, די עי איי איז געוואלדיג!, מען קען אים נוצן פאר א נייע רב, מען קען אנקומען צו אים ווען מען וויל, מען קען אים פרעגן וועלכע שאלה מען וויל, אפילו זאכן וואס איך וואלט מיך געשעמט צו פרעגן מיין דיין, און ער קען זיין מיין מורה דרך אויך אויף מיין פריוואטע לעבן.

**טייערע ברידער, וויפיל סם המות ליגט אין אזא ווערטל, אז מען קען מקבל זיין אויף זיך א מורה דרך וואס זיין ציל איז כפירה באלקי ישראל, עס איז גאר נישט קיין ווערטל, דאס קען חלילה ווערן א פאקט.**

**לאמיר נאר אריין טראכטן ווער ענטפערט די אלע שאלות, דאס איז דער זעלבער וואס ווען מען פרעגט אים ווער האט באשאפן די וועלט, וועט ער ענטפערן פול מיט כפירה.**

און ווען מען וועט אים פרעגן וויפיל יאר צוריק איז די וועלט באשאפן געווארן, וועט ער ענטפערן מיליאנען און ביליאנען יארן.

און ווען עס קומט צי עניני קדושה, וועט ער דיר ענטפערן א זעלכע תשובות, וואס וועט מטמא זיין דעם מענטש מיט אלע טומאות וזוהמות, און זיך קיינמאל נישט קענען מטהר זיין דערפון.

עס איז נישט צו פארשטיין וויאזוי מען קען לערנען תורה פון אזא גאון הגאונים, און גדול בתורה, וואס איז א כופר בעיקר, עס איז דאך א קלארע הלכה אז א ספר תורה שכתבו מין ישרף, כאטש ער האט איבער געשריבן די זעלבע תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, דארף מען דאס פארברענען, קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אז מען טאר נישט לערנען און נישט הערן א דבר תורה, פון אזא כלי וואס איז אסאך ערגער פון א ספר תורה שכתבו מין.

**איך האב געהערט א מורא'דיגע מעשה וואס האט מיך ממש אויף געשוידערט, איינער האט בר מצוה געמאכט זיין קינד, און פארן זאגן דעם פשעטל האט דער טאטע זיך געבעטן ביי די משתתפים, מיין טייערער בר מצוה בחור גייט זאגן די פשעטל, אין איך בעט אז קיינער זאל נישט אריין זינגען.**

**די פשעטל האט א חיבה יתירה, און עס איז כדאי מיטצוהאלטן פון אנהייב ביזן סוף, איך האב שוין בר מצוה געמאכט עטליכע קינדער און איך האב נישט געבעטן מען זאל נישט אריין זינגען, אבער די פשעט'ל פון דעם בר מצוה בחור איז א יחיד במינו, איך האב גענומען די פשעט'ל פונעם "עי איי", איך האב אים געבעטן אז ער זאל מיר ארויסגעבן א שיינע פשעטל אין די סוגיא פון המוצא תפילין, וואס ס'זאל זיין משולב מיט א דרוש און אגדה צוזאמען, און ביז א פאר מינוט האט ער מיר ארויסגעגעבן א הערליכע פשעטל, וואס אזוינס האט איר נאך נישט געהערט, און ער האט אויסגעפירט "שמעו ותחי נפשכם".**

**דער גאנצער עולם איז געזעצן צוגעשמידט צו די בענקלער, און צוגעהערט צום פשעטל מתחלתו ועד סופו, אזוי ווי מען וואלט דאס געהערט פון די די גרעסטן גדול הדור, און ביים ענדיגן די פשעטל האט דער עולם געקלאטשט מיט די הענט, און געוואונטשן כן יכנס לתורה ולמעשים טובים.**

מורי ורבותי, א רחמנות אויף אזא טאטע, אנשטאט אריין צו ברענגען זיין זון לעול התורה והמצות, האט ער אים אריין געברענגט לעול הגוים ועול הגליות.

און א גרעסערע רחמנות איז אויף דעם בר מצוה בחור, וואס דער טאטע האט אויסגעלערנט זיין זון אז די אלע הייליגע פשעטלעך וואס אונזערע גדולי ישראל האבן אונז איבער געלאזט, זענען כאפס וכאין קעגן די די פשעטל וואס דער גוי און דער כופר באלקי ישראל האט צוזאמען געשטעלט.

ער האט מחנך געווען זיין קינד אז דער גוי איז אסאך חשובער פון א רב וואס כל

כולו איז ער זיך מוסר נפש פאר די תורה.

ווי באקאנט האט דער אותו האיש געקענט כל התורה כולו, ער איז געווען דער גרעסטער תלמיד חכם בדורו, און ער איז אנגעקומען צו דעם וואס ער איז אנגעקומען, ווייל זיין תורה איז נישט געווען בטהרה, און ווייל ער האט אוועק געמאכט די גרויסקייט פון די הייליגע חכמים, ווי באקאנט האט ער זיך נישט אויפגעשטעלט פאר זיין רבין דער הייליגער תנא רבי יהושע בן פרחיה, און ווען מען האט אים פארגעהאלטן אז חייב אדם בכבוד רבו, אדער ער געענטפערט מיט שטאלץ, ווער איז דער רבי און ווער איז דער תלמיד.

ער האט געהאלטן אז די חכמת התורה איז האט גאר נישט צו טון מיט העכערקייט, עס אזוי ווי אלע חכמות פון די וועלט, עס האט גאר נישט מיט קדושה וטהרה.

דאס זעלבע איז מיט שבתי צבי ימ"ש, וואס ער האט זיך ערקלערט פאר א משיח נאר פאר דעם ווייל ער האט געלערנט תורה פון די חכמת ה"עי איי".

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט נאכזאגן פונעם זיידן דער סבא קדישא פון טאהש, אז די תורה הקדושה איז נישט קיין קענטעניס, די תורה הקדושה איז א חלק אלקי ממעל, דאס מיינט צו זאגן אז ווען א צדיק זאגט תורה, איז שכינה מדברת מתוך גרונו, און ווען א רב ענטפערט אויף א שאלה, ענטפערט ער דעם רצון ה', ער ענטפערט נישט וואס עס קומט אויס גוט, ער איז מכוון לאמתו של תורה, אלקים נצב בעדת אל, דער אייבערשטער גיט אים אריין די ריכטיגע תשובה.

יעדער ווייסט אז ווען מען האט א שאלה, דארף מען פרעגן פון א מורה הוראה וואס האט סמיכה אז ער קען פסק'נען, און כל זמן ער האט נישט באקומען א היתר הוראה, טאר ער נישט פסקענען, כאטש ער האט געלערנט די הלכות און ער קען עס ישר והפוך, ווייל ענטפערן א שאלה איז נישט גענוג אז מען קען לערנען, מען דארף סייעתא דשמיא.

שטייט אין שו"ת חבצלת השרון (ח"ב סימן כ"ה) מיט דעם לשון: אף אם יהיה אדם בקי בכל התורה כולה, לא יוכל לכוון הלכה לאמיתה אם לא בסייעתא דשמיא.

די פוסקים שרייבן אז וועגן דעם דארף יעדער מורה הוראה האבן א היתר הוראה, ווייל יעדע פסק דארף ווערן אנגענומען אין הימל, און אז מען האט א היתר הוראה צו פסק'ענען, באקומט מען א כח אז די פסק זאל ווערן אנגענומען אין הימל, וכשם שמתירין בבית של מטה, כך מתירין בבית של מעלה.

מען דערציילט אז ווען דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל האט געגעבן סמיכה פארן גאון דער מהרש"ם [ברעזאנער רב] זצ"ל, האט ער אים געפרעגט צי ער איז בקי אין די כללי ההוראה, האט אים דער מהרש"ם געזאגט, אדרבה זאל מיך דער רב פארהערן.

האט אים רבי שלמה קלוגער געזאגט, דער יסוד פון די כללי ההוראה איז נישט שייך צו פארהערן, ווייל דאס ווענדט זיך אין סייעתא דשמיא, און דאס איז געווען מיין כוונה "צי די קענסט די כללי ההוראה" דאס מיינט צי דו שפירסט אז די וועסט האבן סייעתא דשמיא.

דער גאון רבי מאיר שפירא האט געזאגט אז ער האט געהערט פונעם מהרש"ם אביסל א אנדערע נוסח, אז נאכן פארהערן האט אים רבי שלמה קלוגער געגעבן סמיכה, און ווען ער האט אים ארויס באגלייט פון שטוב, האט אים רבי שלמה קלוגער געזאגט, דו האסט נאך נישט א היתר הוראה פון מיר, אויף די וואונדער פונעם מהרש"ם, האט ר"ש קלוגר געזאגט, זאלסט וויסן אז די ריכטיגע היתר הוראה איז סייעתא דשמיא, און דאס האט גארנישט צו טון ווי גוט מען האט געקענט ביים פארהערער, דאס ווענדט זיך נאר אין די יראת שמים, און אויב וועסטו האבן יראת שמים וועסטו האבן סייעתא דשמיא, און דעמאלטס וועסטו האבן א היתר הוראה.

עס איז באקאנט אז צוויי מענטשן האבן געפרעגט פונעם חתם סופר די זעלבע שאלה, פאר איינעם האט ער געפסקנט "טהור" און פארן צווייטן האט ער געפסק'נט "טמא", און ווען מען האט אים געפרעגט דערויף, האט ער געענטפערט: וואס איז די וואונדער, פאר דעם וואס איך מטמא געווען, איז געווען באמת טמא, און פאר דעם וואס איך מטהר געווען איז געווען באמת טהור.

און כאטש ביידע שאלות האבן אויסגעזען צו זיין די זעלבע, אבער אז מען האט סייעתא דשמיא פסק'נט מען מן השמים די ריכטיגע פסק.

**ונחזור לענינינו דער וואס וויל נוצן דעם "עי איי" פאר סתם וועלטליכע ענינים, אויף אים איז רובץ דער איסור החמור וואס די גדולי הדור האבן ארויף געלייגט אויף די אינטערנעט, און מען טאר דאס נישט נוצן נאר מיט די תנאים וואס די גדולי הרבנים האבן געמאכט אויף די אינטערנעט, ווייל דאס איז כולל אין זיך אלע טומאות וזוהמות, און ערגסטע גוי'שע השקפות וואס איז מלא כפירה ואפיקורסות, און אזא איינער איז א מעמיד צלם בהיכל ה', און ער איז א פורץ גדר וישכנו נפש.**

**און אפילו דער וואס וויל דאס נוצן נאר פאר תורה'דיגע ענינים, איז ער מבזה די תורה, ער איז מחלל שם שמים, און ער איז מייקר שם עבודה זרה, אזוי ווי רש"י שרייבט אין פרשת משפטים מיט דעם לשון ואלה המשפטים אשר תשים עליהם, ולא לפני גוים, ואפילו ידעת בדין אחד שהם דנין אותו כדיני ישראל, אל תביאהו בערכאות שלהם, שהמביא דיני ישראל לפני גוים מחלל את השם, ומייקר שם עבודה זרה להחשיבה.**

**וויפיל חילול שם שמים איז דא ווען מען בעט פון די עי איי אז ער זאל אים זאגן פשט אין א שווערע גמרא, אדער א שווערע תוספות, וויפיל מייקר שם עבודה זרה איז דא, ווען מען פארגלייבט זיך אין די חכמה פון די עי איי, און מען האלט אז ער איז דער אורים ותומים, וואס כל רז לא אניס ליה.**

**און אזוי ווי די נסיון איז נאך ניי, און דאס קען זיך צוביסלעך אריין כאפן אויך צווישן אונז, איבער דעם ליגט א חיוב אויף יעדע טאטע, צו טוהן אלעס וואס נאר מעגליך אז די קינדער זאלן נישט ווערן מיטגעריסן מיט דעם נסיון.**

## וועד הקהלות

מענין לענין באותו ענין וויל איך מעורר זיין נאך א וויכטיגע זאך, וואס איז נוגע פאר אונזער עתיד.

די בית הוראה האט מפרסם געווען א מודעה, אז מען זאל קויפן נאר אזעלכע פליפ פאנ'ס וואס זענען מאושר פון די וועד הקהלות, אדער פון טעג - טאהש, וואס איז דא אין שטעטל, וואס זיי פילטערן לויט די הוראות פון בית הוראה.

און כאטש עס זענען דא אנדערע פאונ'ס וואס זענען געפילטערט מיט א גוטע פילטער אונטער א שטרענגע השגחה,

אבער אזוי ווי די מציאות האט באוויזן, אז עס האלט אין איין ארויסקומען נייע פאונ'ס, און די קאמפעניע'ס לייגן צו צום פאון פארשידענע פונקציעס וואס לאזט דורך דברים אסורים אפילו ווען עס האט א פילטער, אן דעם אז דער קאסטומער זאל וויסן פון פריער, און אויף איינמאל טרעפט מען זיך מיט א אויף געבראכענע גדר.

דעריבער האבן די רבנים פון וועד הקהלות, וואס אין דעם זענען כולל אלע ערליכע רבנים, און זיי האבן מחליט געווען צו מאכן אזא פילטער וואס די קאמפעני' קען בכלל נישט האבן א צוטריט דערצו, און דאס בלייבט אזוי ווי מען האט עס געפילטערט, און דאס איז א געוואלדיגע שמירה נישט אריין צו פאלן אין מכשולות.

ווען איינער נעמט א טעלפאן וואס איז געפילטערט דורך די וועד הקהלות, אדער דורך טעג פון טאהש, און ער איז אזוי מחנך זיינע קינדער, דער איז פארזיכערט בדרך הטבע, אז דאס וועט בלייבן משומר מן המזיקין, און זיינע דורות וועלן בלייבן נאמנים לה' ולתורתו.

אבער עס פרעגט זיך די שאלה וואס קענען מיר טון, יעדן טאג קומט ארויס א נייע נסיון, און קוים מען איז מסביר פאר די קינדער די שעדליכקייט פון דעם נסיון, קומט שוין אן א פרישע נסיון, די חכמת הטעכנאלאגיע לויפט אסאך שנעלער ווי מען קען אנטלויפן פון דעם, אנו רצים והם רצים לבאר שחת.

**אחים לדיעה, עס איז דא נאר איין עצה, מען דארף מחנך זיין די קינדער אז די עיקר יסוד פון קיום התורה דאס איז ווען מען מאכט גדרים וסייגים, דאס מיינט אז יעדע זאך וואס איז נישט 100 פראצענט אויסגעהאלטן שטייט מען ווייט דערפון, און דאס איז די א פארזיכערסטע שמירה אז מען זאל נישט דורכפאלן מיט די נסיון.**

**מען דארף אויסלערנען די קינדער אז פונקט אזוי ווי מען טאר נישט אריין נעמען אין מויל א מאכל וואס האט נישט א פארלעסליכע הכשר, פונקט אזוי טאר מען נישט אריין נעמען אין די אויערן, קיין שום טעלעפאן וואס האט נישט א פארלעסליכע הכשר פון היימישע רבנים.**

אזוי אויך טאר מען נישט אריין נעמען אין די אויגן קיין שום נייעס און באשרייבונגען וואס פארמאגט נישט א הכשר מעולה.

און אויב מען געוויינט צו די קינדער צו אזא מהלך, אז יעדע זאך דארף האבן א פארלעסליכע הכשר, וועלן די קינדער געהיטן פון יעדן נסיון וואס גייט ארויסקומען, ווייל זיי ווייסן זיך צו היטן פון א זאך וואס האט נישט א הכשר, און אז סיי וואס פאר א כלי וואס האט נישט קיין הכשר מעולה פון היימישע רבנים, איז חזיר טרייף.

**און פונקט ווי ביי כשרות מאכלים, איז מען מקפיד אז עס זאל זיין א הכשר פון היימישע רבנים, און מען וועט זיך נישט פארלאזן אויף שוואכע הכשרים, דאס זעלבע דארף מען מחנך זיין די קינדער אז מען טאר נישט אריין אין די אויער און אין די אויגן נאר אזעלכע זאכן וואס האבן א הכשר פון אונזערע היימישע רבנים.**

## וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק

דער הייליגער אפטער רב זי"ע שרייבט אין אוהב ישראל (פרשת יתרו), אויפן פסוק "וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק" אז ווען די אידן האבן באקומען די תורה האבן זיי זיך דערשראקן, וויאזוי וועלן זיי קענען מקיים זיין די גאנצע תורה מיט אזוי פול מצות, רמ"ח מצות עשה און שס"ה מצות לא תעשה, "וירא העם" זיי האבן געקוקט מיט די עיני השכל, און זיי האבן אריינגעטראכט און די גרויסקייט און די הארבקייט פון די מצות, "וינועו" האבן זיי זיך זייער געשאקלט פון גרויס פחד, זיי האבן פשוט געציטערט, "ויעמדו מרחוק" זיי האבן זיך באראטן און אוועק געשטעלט א יסוד וויאזוי מען קען זיין פארזיכערט, אז מען זאל קענען מקיים זיין די גאנצע תורה, דאס איז דורך דעם וואס "ויעמדו מרחוק" מען וועט אוועק שטעלן הרחקות גדרים וסייגים, ווייל דורכדעם קען זיך די גאנצע תורה האלטן, אין אלע זמנים, און אין אלע פלעצער, און אין יעדע תקופה, (כעין זה פי' הרה"ק רבי ר' זושא זי"ע (מנורת זהב, ובכתר תורה פרשת יתרו).

הרה"ק רבי שלמה באבובער זצ"ל האט געטייטש מיט די ווערטער פונעם אוהב ישראל "וירא העם" דאס פאלק האט געזען "וינועו" אז מען איז עתיד צו זיין אין גלות וואס דורכדעם וועלן די הערצער פארשטאפט ווערן "ויעמדו" האבן זיי זיך אוועקגעשטעלט "מרחוק" און געמאכט הרחקות און גדרים.

און מיט דעם איז ער מפרש די המשך הפסוקים "ויאמרו אל משה" די אידן האבן געזאגט צו משה רבינו "דבר אתה עמנו ונשמעה" רעד דו צו אונז, און זיי אונז מוסיף גדרים וסייגים כדי מיד זאלן נישט געשטרויכלט ווערן אין די גופי התורה, "ואל ידבר עמנו אלקים" און נישט דער אייבערשטער זאל רעדן צו אונז, ווייל דעמאלט וועלן מיר דאך נאד וויסן די דיני התודה, און מיר האבן מורא אז "פן נמות" ווייל דודך דעם וואס מען איז מקיים נאד די דיני התודה קומט דאך א חורבן אויף די וועלט, אזוי ווי די גמרא זאגט "לא חרבה ירושלים אלא משום שהעמידו על דין תורה", ירושלים איז חרוב געווארן ווייל זיי האבן נאר געהאלטן די דיני תורה, אן קיין גדרים וסייגים, איבער דעם ווילן זיי ערן די תורה דורך משה רבינו, וואס ער וועט זיי מאכן גכדרים וסייגים.

מעומק הלב פנימה, וברגשי גיל חדוה ושמחה, כסא דברכתא נרימה, בקול צהלה נעימה, בברכת מזלא טבא לחברינו היקר, בקרב לבינו צמודים וקשורים, נודע בשערים במדותיו הישרים, פאר המעלות ונועם המידות, ה"ה החתן המופלג בתוי"ש ובחסידות,

**החתן יואל בינער ני"ו**
**ממצויני תלמידי ישיבתינו הק'**
**בן מוה"ר אברהם יושע הי"ו**
**לרגל שמחת אירוסיו למז"ט ובשעטו"מ**

ברכותינו צרופות שתזכה להעמיד בית נאמן בישראל, ע"ד המסורה לנו מרביה"ק זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, והבית בהבנותו יהא מלא ברכת ה' על כל גדותיו, מתוך רב נחת והרחבת הדעת אושר ועושר, דורות ישרים ומבורכים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכנו בראשינו בב"א

**המברכים בלב מלא שמחה:**
**תלמידי הישיבה הלומדים אתך בצל הקודש**

## להורות להם דדכי ה'

איך האב געזען טייטשן די ווערטער וואס דער מגן אברהם שרייבט אז אז שבת הגדול "והעיקר להורות לעם ה', דרכי ה'", וואס איז די כוונה פון "להורות דרכי ה'" ער וואלט ענדערש געדארפט שרייבן "להורות לעם ה' מצות ה'".

נאר וואס דען, די תורה זאגט "ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים", דער אייבערשטער האט נישט געפירט די אידן קיין ארץ ישראל דורך די לאנד פלשתים, כאטש "כי קרוב הוא", ווייל "פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה" זאגט דער של"ה הקדוש (פרשת בשלח, דרך חיים תוכחת מוסר) מיט דעם לשון "ראה והביטה כמה צריך האדם להתבונן לעשות גדרים וסייגים והרחקות שלא יבוא לידי עבירה, הנה הקב"ה בעצמו ובכבודו עשה הרחקה, פן ינחם העם".

קומט אויס ווייל דער אייבערשטער האט מורא געהאט אז זיי וועלן צוריק גיין קיין מצרים, האט ער געמאכט א הרחקה און זיי געפירט אזא לאנגע וועג אין מדבר, דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, אז ווען מען האט מורא אז מען וועט אפשר צו א נסיון, דארף מען מאכן א לענגערע וועג, און מען זיך דערווייטערן נישט צו קומען צו א נסיון,

און מיט דעם יסוד האט ער אונז געפירט אין מדבר 40 יאר.

דאס זאגט דער מגן אברהם אז שבת הגדול דארף מען "להורות לעם ה', דרכי ה'", מען דארף דרש'נען פאר פסח דעם "דרך ה'" די וועג ווי דער אייבערשטער האט אונז געפירט אין מדבר, כדי צו מאכן הרחקות גדרים וסייגים.

## פורץ גדר ישכנו נחש

דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל איז מסביר דעם טעם פארוואס איז דער עונש פון א פורץ גדר, אז ישכנו נחש און נישט א אנדערע חיה טורפת, ווייל ווען סיי וואס פאר א חיה בייסט א מענטש, פילט עס דער מענטש גלייך, און ער לויפט גלייך צום דאקטער ער זאל ארויס נעמען די גופט, און קען זיך ראטעווען זיין לעבן, אבער ווען א שלאנג גיט א ביס פאר א מענטש, שפירט מען עס בכלל נישט, נאר נאכדעם וואס די גופט איז שוין צושפרייט אינעם מענטש, הייבט ער אן צו שפירן די גופט, אבער דעמאלטס איז שוין צו שפעט, מען קען שוין נישט ארויס נעמען די גופט, גופו רח"ל.

דאס זעלבע איז ווען א מענטש איז עובר סיי וואס פאר עבירה מן התורה, שפירט ער גלייך אז ער האט געכאפט א ביס פונעם יצר הרע, און עס טוט אים וויי, און ער טוט גלייך תשובה, און ער ווערט גלייך געהיילט, ווייל מודה ועוזב ירוחם, אבער דער וואס איז עובר אויף א גדרים און סייגים שפירט נישט אז ער איז פארגופטיגט געווארן, ווייל ער טראכט איך האב דאך נישט געטון קיין שום איסור, עס איז נאר א גדר מען זאל נישט צו קומען צו קיין איסור, און די גופט ווערט צושפרייט אינעם מענטש און במשך די צייט וועט ער זיך טרעפן אז ער איז אינגאנצן פארגופטיגט געווארן, ער איז קאלט צו יעדע מצוה, און ער איז ווארעם צו יעדע עבירה, און ער קען צו קומען צו אזא מצב וואס מען וועט אים מער נישט קענען היילן רח"ל. (בספרו נדחי ישראל פרק לט בהערה בשם הגאון מורנו הרב רבי יצחק אייזיק מסובאלק זצ"ל).

איבער דעם דארף יעדער ערליכער איד מאכן גדרים וסייגים כדי נישט צו כאפן א ביס פון דעם נחש הקדמוני, ווייל אחריתו מר כלענה.

## ירא שמים ירא מחטא

איינער האט אמאל געפרעגט בריסקער רב זצ"ל פארוואס איז ער אזוי מדקדק אויף יעדע מצוה, אסאך מער וואס מען איז מחויב.

האט אים בריסקער רב געפרעגט, וואלסטו געגאנגען שלאפן אויף א דאך וואס איז הויך 100 שטאק, אן א מעקה, האט יענער געענטפערט, א ודאי נישט, ווייל בשעת'ן שלאפן קען מען זיך דרייען פון איין פלאץ צום צווייטן, און מען חלילה אראפ שמעטערן.

האט אים בריסקער רב געפרעגט ביסטו שוין אראפגעפאלן פון דיין בעט אינמיטן שלאפן, פארוואס האסטו מורא אז פון די דאך וועסטו יא אראפ פאלן, די דאך איז דאך אסאך ברייטער, די קענסט זיך לייגן אינמיטן די דאך, פארוואס האסטו מורא.

האט אים יענער געענטפערט שלאפן אויף א בעט איז נישט קיין מקום סכנה, האב איך נישט אזוי מורא, ווייל אפילו איך וועל פאלן, בין איך נישט אין א סכנה, אבער שלאפן אויף אזא הויכע פלאץ איז דאך א מקום סכנה, וועלעכע מענטש וועט זיך ארייין לייגן אין א סכנה שרעקליכע סכנה.

האט איב בריסקער רב געזאגט, אויב ביי חיי שעה פארשטייסטו אז מען דארף ציטערן אפילו עס איז נאר א ווייטע ספק סכנה, כל שכן ביי חיי עולם הבא דארף מען צוטערן אז מען זאל חלילה נישט אראפ פאלן, און ווערן צושמעטערט.

מורי ורבותי די כלים המשחיתים, די אינטערנעט מיט אלע זיינע אפאראטן, די סמארטפאון, און די עי איי, זענען אסאך א גרעסערע סכנה, ווי צו שלאפן העכער הונדערט שטאק, זיי זענען נישט א ברייטע דאך, עס איז ווי א שמאלע און שפוציגע דאך, וואס מיט יעדע ריר קען מען פאלן, און צוטראסקעקענען אלע אברים, מען דארף צוטערן נישט גיין אויף אזא פלאץ, ווייל עס איז נישט א ספק סכנה, עס איז א סכנה ממש.

אויך די פליפ'ס פאן וואס די קאמפעני קען צו לייגן זאכן אפילו ווען עס האט א פילטער, דארף מען שטיין ווייט דערפון, ווייל דאס איז אזוי ווי מען שלאפט אויף א הויכע שטאק און די מעקה אין צובראכן, מען קען לייכט אראפ פאלן און ווערן צושמעטערט רח"ל.

און עס איז זיכער אז דער וואס וועט זיך האלטן צו די גדרים וסייגים, און ער וועט מחנך זיין זיינע קינדער אז פונקט ווי מען נעמט נישט אריין אין מויל א מאכל וואס האט נישט קיין פארלעסליכע הכשר, אזוי נעמט מען נישט אריין אין די אויגן און אין די אויערן קיין זאך וואס האט נישט א פארלעסליכע הכשר, דער וועט זוכה זיין צו דורות ישרים ומבורכים, יראי ה', חסידים ואנשי מעשה, און וועט זוכה זיין, צו דעם והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותיו, ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו בנערינו ובזקנינו נלך א קעגן משיח צדקינו, בהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדעות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף ד - לצורך שבת

אויך געמיינע און שוואכע כלים וואס ווערט אנגערופן 'חותלות', טאר מען נישט צוברעכן נאר אויב עס איז לצורך שבת. וועגן דעם האבן מיר געשריבן (זעה פרק ט"ו סעיף ב') אז מען טאר נישט טרעטן אויף א בעג מיט גארבעדזש, אויב עס איז זיכער אז דורכן טרעטן דערויף וועט מען צוברעכן כלים, אויסער אויב דאס צוטרעטן די בעג איז לצורך שבת, למשל אויב ער וויל מאכן פלאץ אין די גארבעדזש בעג אז מען זאל קענען לייגן דארט נאך גארבעדזש, און מען זאל נישט דארפן ארויסנעמען און טוישן די גארבעדזש בעג אינמיטן שבת.

## סעיף ה - א זאך וואס איז נישט א כלי

מען מעג צוברעכן שבת א זאך וואס איז נישט קיין כלי. למשל א קליינע שטיקל האלץ אדער פלעסטיק מעג מען צוברעכן אין שבת, אויב עס איז נישט מוקצה (למשל אויב מען האט עס אנגעגרייט פאר שבת צו נוצן פאר עפעס).

דאס איז אבער נאר מותר מיט צוויי תנאים: א. אז מען שניידט עס נישט לויט א געוויסע מאס, ב. אז מען מאכט נישט קיין כלי דערפון.

[זעה פרק ז' סעיף ג' אז א פלאש מיט אן אייזערנעם דעקל, וואס אינעווייניג אינעם דעקל איז דא א שטיקל פלעסטיק וואס צוברעכט זיך ווען מען עפנט די דעקל, איז מותר צו עפענען אזא דעקל שבת, וויבאלד עס איז נישט קיין איסור צו צוברעכן א שטיקל פלעסטיק וואס ווערט נישט קיין כלי].

# פרק ב

## די מלאכה פון 'מכה בפטיש' [מתקן מנא] - מאכן פארטיג א כלי

## סעיף א - וואס איז די מלאכה

**די מלאכה פון מכה בפטיש מיינט:** געבן די לעצטע קלאפ מיטן האמער אויף א כלי וואס מען האט יעצט געענדיגט מאכן, וואס מיט דעם לעצטן קלאפ ווערט דאס א 'פארטיגע כלי', דאס איז די 'אב מלאכה'.

ווען מען פארענדיגט א כלי אויף סיי וועלכע אנדערע אופן (אויסער דורך א קלאפ מיט א האמער), הייסט דאס 'מתקן מנא', און דאס איז א 'תולדה' פון מכה בפטיש.

דאס איז שייך אויף דריי סארט אופנים:

**[א]** ווען מען טוט א זאך מיט די כלי וואס דורכדעם ווערט די כלי ראוי צום נוצן. למשל: אויב מען האט א כלי וואס מען קען זיך יעצט נישט געהעריג באנוצן דערמיט, ווייל עס איז פארמאכט פון אלע זייטן, און מען מאכט א לאך [אן עפענונג] (זעה פרק ג') אויף סיי וועלכן פלאץ אין די כלי, כדי מען זאל פון דעם לאך קענען ארויסגיסן און אריינגיסן אין די כלי, הייסט דאס 'מתקן מנא'.

**[ב]** אפילו די כלי איז שוין ראוי צום באנוצן, אויב ער טוט עפעס מיט די כלי כדי עס צו מאכן שענער אדער בעסער. למשל: מען מאלט אויס א בילד אויף די כלי, אדער נאכן ענדיגן נייען נעמט מען ארויס די קליינע דינע שפענדלעך פון א קלייד וואס כאפט זיך אריין בשעת'ן נייען, דאס הייסט אויך 'מתקן מנא'.

**[ג]** אפילו א כלי איז שוין געווען פארטיג, אויב עס איז קאליע געווארן אדער צובראכן געווארן און מען פאררעכט עס, הייסט דאס 'מתקן מנא'.

## סעיף ב - חילוקים צווישן בונה און מכה בפטיש

אפילו זאכן וואס עס איז נישט דא דערביי קיין איסור פון בונה, איז צומאל אסור וועגן מכה בפטיש: למשל צוזאמשטעלן צוויי חלקים פון א כלי אויף א שוואכע וועג (צ.ב. ארייינלייגן א שוך בענדל אין די שוך), איז נישט דא דערביי קיין איסור פון בונה (וויבאלד בונה איז נאר שייך ווען מען שטעלט צוזאם צוויי זאכן אויף א שטארקע וועג), אבער מכה בפטיש איז יא דא. אזוי אויך ביי א שוואכע כלי (אזוי ווי 'חותלות') איז טאקע נישטא קיין איסור פון בנין וסתירה (אזוי ווי עס איז ערקלערט געווארן אויבן אין פרק א') אבער עס איז יא דא דערביי דער איסור פון מכה בפטיש.

און די זעלבע זאך פארקערט, ביי געוויסע זאכן איז נאר שייך די איסור פון בונה, אבער נישט די איסור פון מכה בפטיש: למשל באהעפטן איין פיסל צו א טיש וואס דארף האבן פיר פיס, דאס איז נישט אסור וועגן מכה בפטיש (ווייל עס איז נישט 'פארענדיגט' געווארן דורכדעם, וויבאלד מען דארף נאך ארויפלייגן די אנדערע דריי פיס), אבער עס איז יא אסור וועגן די מלאכה פון בונה.

עס איז וויכטיג צו באמערקן: אז ביי די זאכן וואס עס איז דא ביי דעם די איסור פון בונה ביים עס מאכן, איז אויך שייך ביי דעם די איסור פון סותר ביים צוברעכן. אבער אזא זאך וואס איז אסור צו מאכן אלץ מכה בפטיש, און נישט אלץ בונה, למשל ווען מען שטעלט צוזאם זאכן אויף א שוואכע וועג (א חיבור רפוי), איז נישטא דערביי קיין שום איסור עס צו צונעמען (זעה אויך פרק י"א סעיף י"ז).

המשך בשבוע הבא אי"ה

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

# הרה"ק רבי יחזקאל פאנעט אב"ד קארלסבורג זי"ע בעמח"ס "מראה יחזקאל"

*דאנערשטאג ד' דחוה"מ | כ' ניסן | הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן קארלסבורגער רב, הרה"ק רבי יחזקאל בן רבי יוסף זי"ע בעל מחבר ספר "מראה יחזקאל".*

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער מראה יחזקאל זי"ע איז געבוירן אין שטאט ביליץ. ער האט מקבל געווען תורה פונעם הייליגן "ברוך טעם" זי"ע, און געלערנט אין די ישיבה פון הגאון רבי לייב פישלס זי"ע אין פראג.

ער האט באקומען סמיכה אויף הוראה דורך אסאך גדולים פון שטאט פראג, צווישן זיי, רבי אלזער פלקלס, רבי שמואל לאנדא, און רבי לייב פישלס. זכר צדיקים לברכה.

נאכן לערנען עטליכע יאר אין פראג, איז ער צוריק אהיים געפארן, שוין זייענדיג באקאנט פאר א אויסגערופענע תלמיד חכם און בקי בש"ס ופוסקים, און איז געווארן א איידעם ביי א גביר ר' משה אין שטאט ליזענסק.

נאך זיין חתונה האט אים זיין שווער אויסגעהאלטן, און דער מראה יחזקאל איז געזיצן אין ליזענסק אן קיין שום דאגות על התורה ועבודה אומגעשטערט, און דורכגעאַקערט מקצעות התורה שטייגענדיג גאר הויך.

עס איז אינטערעסאנט צוצוברענגען וואס עס שטייט אויף זיין מצבה: **"פ"נ הרב הגאון מאוה"ג המפורסם החריף הבקי בנגלה ובנסתר חכם הכלל מו"ה"...**

אין ליזענסק איז ער נתקרב געווארן צום דרך החסידות, און האט גענומען פאר זיין רבו מובהק דעם הייליגן רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע, און דעם הייליגן רבי יצחק אייזיק קאלובער זי"ע.

ער איז אויפגענומען געווארן אין שטאט 'קארלסבורג' צו דינען ברבנות אין שטאט. זיין נאמען איז בליץ שנעל צושפרייט געווארן אין די גאנצע מדינה זייענדיג א ריז אין תורה, און א בעל דרשן נפלא, און צוגאב צו זיין געטריישאפט פירענדיג די בני העיר מיט א שטארקע איבערגעגעבנקייט.

דער מראה יחזקאל'ס שטוב איז געווען א ריכטיגן בית וועד לחכמים, מען האט שטענדיג דארט מחדש געווען חידושי תורה און עס האבן זיך דארט געדרייט גרויסע תלמידי חכמים וואס האבן זיך מפלפל געווען בפלפולי דאורייתא.

דער מראה יחזקאל האט אויך געהאט 'תורה וגדולה', ווען איבערן גאנצן מדינה האט מען אים מכבד געווען מיטן ריכטיגן 'כבוד התורה', אזוי אויך האבן אים די שרי המדינה גאר שטארק רעספעקטירט, און אפגעגעבן זייער פולסטן כבוד פארן מראה יחזקאל וויסענדיג אז ער איז א הייליגע מענטש.

ער איז נפטר געווארן ד' דחול המועד פסח, כ' ניסן אין יאר תר"ה לפ"ק. דער מראה יחזקאל האט איבערגעלאזט קינדער גדולי תורה און צדיקים, צווישן זיי רבי בצלאל פאנעט, בעל 'דרך יבחר' זי"ע. מדברי תורתו איז געדריקט אינעם ספר "מראה יחזקאל" וואס ער האט מחבר געווען.

## מיחידי סגולה שבדורו

דער מראה יחזקאל איז געווען גאר שטארק באליבט ביי רבו מובהק רבי מענדעל'ע מרימנוב. אמאל האט רבי מענדעל'ע פּאַרגעלערנט הלכות קידוש החודש און עס זענען אנוועזנד געווען גרויסע גאוני וצדיקי הדור, אינאיינעם מיטן מראה יחזקאל, אינמיטן דעם שיעור האט זיך רבי מענדעל'ע אנגערופן צום מראה יחזקאל 'יחזקאל'ע דו ביסט דאך בקי אין הלכות קידוש החודש להרמב"ם, קום צו מיר מארגן אינדערפרי און איך וועל דיר וויזן איבער די ענינים...'

צומארגנס אינדערפרי' האט זיך דער מראה יחזקאל צוגעאיילט, און געלאפן אינדרויסן פון שטאט צו רבי מענדעל'ע, דארטן האט אים רבו מובהק רבי מענדעל'ע אנטפלעקט העכערע ענינים וועלכע מען אנטפלעקט נאר פאר יחידי סגולה פונעם דור, און דערצו איז דער מראה יחזקאל אויסגעקליבן געווארן.

## לא פסיק פומיה מגירסא

א וואונדערליכע מעשה האט זיך אפגעשפילט ביים מראה יחזקאל הארט בעפאר זיין הסתלקות. אין איינע פון די שטעטלעך ארום קארלסבורג האט זיך געמאכט א שווערע שאלה איבערן שחיטה, און מען האט נישט געוויסט די הלכה, האט מען ווי אלעמאל ביים האבן שווערע שאלות, עס אריבערגעשיקט צום הייליגן מראה יחזקאל צו אנפרעגן ביי אים די הלכה, אבער ווען דער שליח איז אנגעקומען אין קארלסבורג צום מראה יחזקאל, איז די מצב דאן געווען מורא'דיג שמאל, און דער מראה יחזקאל האט געהאלטן ממש פאר גסיסה.

ווען דער מראה יחזקאל האט געזעהן ווי די ארומיגע באהאלטן עפעס פון אים, האט ער געבעטן אז מען זאל אריינברענגען דעם שליח וואס איז געקומען, און אזוי האט מען טאקע געטון מען האט אריינגעלאזט דעם שליח. ווען דער שליח האט געפרעגט פונעם מראה יחזקאל די שאלה, האט דער מראה יחזקאל אנגעהויבן צו ענטפערן פון אויסענווייניג לשון המחבר ורמ"א והש"ך, און אזוי אויך צוגעוויזן מראי מקומות פון ספרים וואס זענען נוגע צום שאלה, און דאן אויסגעפירט הלכה למעשה, "א"כ הבשר כשר והכלים כשרים", און מיט די ווערטער האט דער מראה יחזקאל אויסגעהויכט זיין לויטערע הייליגע נשמה מתוך דבר הלכה.

## גדולים צדיקים במיתתן

דער מראה יחזקאל פלעגט ארויסהעלפן אסאך עגונות וועלכע האבן נישט געוויסט וואו זייער מאן געפינט זיך. ער פלעגט דאס טון בהשכל ובדעת און אזוי צוריק אויפרעכטן אידישע שטובער און זיך ווייטער פירן על דרך ישראל, און דער שטאט קארלסבורג איז געווען ווי א עיר מקלט פאר עגונות. אזוי אויך האט דער מראה יחזקאל געשריבן אסאך תשובות איבער דעם נושא, און זיך מפלפל געווען מיט גאוני הדור איבער דעם.

*

הארט נאכן פטירה פונעם מראה יחזקאל איז אנגעקומען א עגונה פון פולין און האט געוואלט אריינגיין צום מראה יחזקאל זאל איהר ארויסהעלפן וואו זי קען טרעפן איהר מאן, וויסענדיג אז קומענדיג צום מראה יחזקאל איז מען א געהאלפענער אין דעם הינזיכט. ווען מען האט איהר מודיע געווען אז דער מראה יחזקאל איז שוין נסתלק געווארן, און עס איז נאך אינעם שבעת ימי האבל, איז די עגונה זייער צובראכן געווארן, אבער זייענדיג א קלוגע פרוי, איז זי זיך געגאנגען אויסוויינען ביים פרישן קבר פונעם מראה יחזקאל, זאגענדיג מיט גרויס געוויין צום צדיק, "מיין גאנצע טירחא צו קומען ביז אהער איז אלעס געווען צו ענינים פון דיין געטליכע הילף, אבער אצינד מיט דיין פטירה פארמאג איך נישט קיין דרך הטבע'דיגע האפענונג צו געהאלפן ווערן, און איך בעט פונעם צדיק זאל מיר נישט פארלאזן און מיר אויפרעכטן אפילו נאכן פטירה",

און אזוי האט זיך די עגונה אויסגעוויינט אויפן קבר פונעם מראה יחזקאל. נאכן זיך אויסבעטן ביים מראה יחזקאל'ס קבר איז די עגונה גלייך געגאנגען אין א אכסניא איבערנעכטיגן ביזן פרי מארגן, דעם אכסניא איז געווען אינטערן אויפזיכט פונעם משמש פונעם מראה יחזקאל.

יענעם נאכט האט זיך דער משמש געחלומ'ט ווי דער מראה יחזקאל קומט צו אים אין חלום און פרעגט אים ווער עס איז דער פרוי וועלכע נעכטיגט ביי אים אין שטוב, "זי איז א צובראכענע עגונה, זי איז געקומען זיכן איר מאן", ענטפערט דער משמש אין חלום, האט זיך דער מראה יחזקאל אנגערופן, "גיי זאג איהר אז זי זאל פארן קיין פארטאש, און דארטן וועט זי טרעפן איהר מאן, אבער זי זאל נישט פארן קיין בוקארעשט אזוי ווי איהר פלאַן, ווייל דארט וועט זי אים נישט טרעפן". דאן האט זיך דער משמש אויפגעכאפט פון שלאף.

דער משמש האט גוט געדענקט דעם חלום, און תיכף געטון זיין שליחות, און איבערגעבן די רייד פונעם מראה יחזקאל פארן עגונה. זי איז טאקע געפארן צום דערפל פארטאש, און ביים אריינגאנג צום דערפל טרעפט זי איהר מאן וועלכע שפאנט דאן ארויס פון דערפל. די עגונה האט גלייך באפוילן איהר מאן צו קומען קיין קארלוסבורג מסדר זיין א גט, און די צוויי זענען צוריקגעקומען קיין קארלוסבורג, און דער זוהן פונעם מראה יחזקאל הגה"ק מהר"ם זי"ע האט מסדר געווען דעם גט. דאס איז געווען די לעצטע עגונה פון צווישן איבער צוויי הונדערט עגונות וואס דער מראה יחזקאל האט מתיר געווען.

**זכותו יגן עלינו ועל**
**כל ישראל אמן**

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ט ניסן | הרה"ק רבי אהרן בן רבי יעקב זי"ע - רבי אהרן הגדול מ'קארלין | תקל"ב |
| כ"א ניסן | הגה"צ רבי ישראל מרדכי בן רבי חיים אברהם זצ"ל ארענשטיין - מ'באַרדיוב<br>חותן הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זי"ע בזיוו"ר | תרמ"ה |
| כ"ה ניסן | הרה"ק רבי חיים בן רבי ארי' לייבוש זי"ע - מ'צאנז - דברי חיים | תרל"ו |
| כ"ז ניסן | הרבנית הצדיקת מינדל בת הרה"צ רבי ישעי' דוד קופערשטיין זצ"ל<br>מחברתו הטהורה של רבינו השרף זי"ע | תר"ן |
| ל' ניסן | הרה"ק רבי אלי' פרענקל בן רבי ישראל איסר מ'באכטער זצ"ל | תקצ"ג |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ט"ו ניסן | הרב החסיד ר' חיים בן ר' ברוך אברהם ע"ה לעפפלער | | |
| ט"ז ניסן | הרב החסיד ר' משה יצחק בן ר' יעקב ע"ה פיש | תשל"ח | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |
| י"ז ניסן | הרב החסיד ר' נחום בן ר' יצחק אייזיק ע"ה מיללער | תשע"ד | ביה"ח בשיקאגא |
| י"ח ניסן | הרב החסיד ר' חנוך אלימלך בן ר' יושע ע"ה ווידער | תש"ע | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ט ניסן | הרב החסיד ר' יחיאל מיכל בן ר' ישראל יהודה ע"ה קארפינקל | תשע"ז | הר המנוחות בירושלים עיה"ק |
| כ"ב ניסן | האשה החשובה מרת נחמה אסתר בת ר' מאיר ע"ה פאפלאנאש<br>אשת הרה"ג ר' אברהם שלמה שליט"א | תשפ"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ג ניסן | הרבנית הצדיקת זעלדא ז"ל אם רבינו השרף זי"ע | תקצ"ד | ביה"ח בדרמאול |
| כ"ד ניסן | האשה החשובה מרת רחל בת ר' ישראל זאב ע"ה ראזענצווייג<br>אשת הרה"ח ר' נחמי' אלתר הי"ו | תש"פ | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד ניסן | הרב החסיד ר' אליעזר בן ר' שמואל לוי סג"ל ע"ה נייהויזער | תש"פ | ביה"ח ניו דזערסי (שאפראן) |
| כ"ה ניסן | הרב החסיד ר' דוד בן ר' אליעזר צבי ע"ה הערשקאוויטש | תשנ"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ז ניסן | הרב החסיד ר' צבי מרדכי בן ר' יצחק זאב ע"ה ארגעל | תשל"א | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| כ"ח ניסן | הבחור החשוב חיים מרדכי ע"ה בן ר' חנני' יו"ט ליפא הי"ו פישער<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשע"ז | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ט ניסן | הרב החסיד ר' חיים יחזקאל דוב בן ר' ישראל סג"ל ע"ה לאוועז | תשנ"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

# אהלי מלכים

**פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים**

מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס

ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

אפילו א אכילת עראי איז די מנהג אז מ'עסט נישט [1]. דעריבער טרינקט מען נישט קיין קאווע [2] אדער בראנפן ביי א יארצייט מיט תפילין.

## לאזן תפילין הענגן/ ארויסשאקלען

מ'טאר נישט הענגען די תפילין - סיי די בתים און סיי די רצועות - אויף א נאגל, ווייל דאס איז א בזיון פאר די תפילין. אבער מ'מעג זיי הענגען ווען ס'ליגט אין די בייטל [3]. אבער אלס קדושת תפילין איז כדאי אז מ'זאל נישט הענגען די תפילין בייטל אויף א נאגל, נאר בדרך כבוד [4].

מ'זאל נישט אנכאפן די תפילין דורך די רצועה.

מ'זאל נישט ארויסשאקלען די תפילין פון די בייטל. נאר ארויסנעמען בדרך כבוד [5].

## תפילין וואס איז אראפגעפאלן

אויב תפילין זענען אראפגעפאלן אויף די ערד אן די שיידל, שטייט אין די פוסקים אז די 'מנהג' איז צו פאסטן [6], לכתחילה זאל מען פאסטן יענע טאג, אויב מ'האט נאכנישט געגעסן [7], אבער אויב מ'האט שוין געגעסן, זאל מען פאסטן קומענדיגע טאג. למעשה אויב געשעט אזא פאל זאל מען פרעגן א מורה הוראה (מ'זאל נישט פאסטן אן א פסק פון א מורה הוראה).

אויב מ'איז שוואך און ס'שווער די תענית, אדער א תלמיד חכם וואס ס'וועט זיין פאר אים שווערער צו לערנען, זענען דא וואס האלטן אז מ'זאל געבן צדקה אלס כפרה [8].

אויב תפילין זענען אראפגעפאלן אויף א טיש, איז נישט דא קיין חשש [9]. אזוי אויך אויב איז אראפגעפאלן די בייטל אן די תפילין, אדער די שיידלעך [10].

א תפילין וואס קיינער האט נאכנישט אנגעטון, איז גענוג א פרוטה [11].

אויב איז געפאלן די תפילין ווען ס'געליגן אין די אלטער שיידל, זאל מען געבן א פרוטה פאר צדקה [12].

אז מ'זעט א צווייטן'ס תפילין אראפפאלן, דארף מען נישט חושש זיין [13].

אויב א צווייטער האט דאס געהאלטן און ס'איז אראפגעפאלן, דארף נישט דער בעה"ב פאסטן [14].

אויב האט מען עס געלייגט אויפן טיש אויף א פלאץ ווי ס'איז געווען מעגליך אז איינער וועט עס בטעות אראפווארפן, און ס'איז אראפגעפאלן, זאל מען פרעגן א שאלה.

אויב די רצועות זענען געפאלן אויף דער ערד דארף מען נישט פאסטן [15].

די שיידלעך און בית'ל האבן א דין תשמישי קדושה, און מ'זאל נישט געבן פאר א קינד צו שפילן מיט זיי, אויב ער וועט זיך פירן דערמיט נישט בכבוד. אויב עס פאלט אראפ אויף דער ערד, איז ראוי עס צו קושן [16].

תפילין קען אראפפאלן ווען מ'יאגט זיך אויסצוטון די תפילין, און מ'פארגעסט און מ'לאזט איבער די רצועות ארייגעלייגט אין די גארטל, און ווען מ'גייט אוועק שלעפט זיך די תפילין אראפ אויף דער ערד, דעריבער זאל מען זיך איינגעווינען אז 'אייביג' פאר מ'נעמט אראפ דעם של ראש פון קאפ, נעמט מען 'קודם' ארויס די רצועות פון די גארטל.

מ'זאל נישט לייגן די תפילין נאנט צום עק טיש, עס קען אראפפאלן.

מ'זאל נישט לאזן די רצועות אראפהענגן פון טיש.

## תפילין אויף א באנק/ערד

מ'טאר נישט זיצן אויף א בענקל אדער באנק וואס ס'זענען דא דערויף תפילין, אדער ספרי קודש.

אבער אויב איז דאס א באנק וואס האט זיצן וואס מ'הייבט אויף, איז יעדע זיץ א באזונדערע זאך, און מ'מעג זיצן אויף א אנדערע זיץ [17].

מ'זאל נישט לייגן תפילין אפילו אין בייטל, אויפן ערד, (אפילו נאנט ווייניגער ווי א טפח צו דער ערד) [18].

---

1 מ"ב (סי' מ סקי"ט) 'בספר שלחן שלמה מסתפק דאפשר [דהא דמתיר המחבר אכילת עראי] דזהו דוקא מי שמניחן כל היום, אבל לא מי שדרכו להניח רק בשעת קר"ש ותפלה', ובערוה"ש (סי' מ ס"ה) פסק כן בפשיטות.

אבל בשו"ת תשורת שי (ח"א סי' רטו) כתב 'כיון דאכילת קבע בתפילין אינו אסור רק מגזירה שלא ישתכר, ועל אכילת עראי לא גזרו, אין לחדש גזירה, ומ"מ מעודי לא עשיתי זאת וכן אדם יכול להחמיר על עצמו', ובמקור חיים (חו"י סק"ח) 'אבל לאכילת עראי א"צ לחלצם, והנמנעים מלטעום מיני מרקחת ויי"ש או אכילת רוטב, לפני שחולצים תפיליהם, חומרא יתירה הוא ומן המתמיהים'.

ובדגל מחנה אפרים (במדבר עה"פ ולא יבואו לראות) כתב 'וכמו שאירע שבא אחד אל הרב המפורסם מוהר"ן זללה"ה וראה ששתה אז קאווע בטלית ותפילין ונסע לביתו והתחיל לנהוג ג"כ כך, וזהו אזהרה 'ולא יבואו לראות' היינו בשביל לראות את מעשיו ולקבלם תיכף, 'כבלע את הקודש'.

2 אמנם היו גדולי עולם שנהגו ללמוד איזה שעות בתפילין לא היו נמנעין מלשתות קאווע, וכן הוא במנהגי חת"ס (אות טז- יח) 'בעודו מעוטף ומעוטר בתפילין למד טור או"ח ומג"א וכו' בעת הלימוד הזה הי' מביאים לפניו משקה קאפפע והי' שותה אותו אף שהי' עדיין התפילין עליו', וכן בדינים והנהגות (פ"ג אות ט"ו) בשם החזו"א זצ"ל שגם בזמנינו שאין מניחים כל היום רשאים באכילת עראי, וזה דלא כהמ"ב (שם סקי"ט).

3 שו"ע (סי' מ ס"א), מ"ב (סק"א).

4 טעמי המנהגים (ציצית אות כ) בשם הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע ואמר שזה קשה לפרנסה.

5 שועה"ר (סי' כח ס"ט), קיצשו"ע (סי' י ס"ד), מ"ב (סי' כח סק"ט).

6 מג"א (סי' מד סק"ה), שועה"ר (סי' מד ס"ב), מ"ב (סי' מ סק"ג).

7 א"ר (סי' מ ס"ז) בשם מהר"י ברונא (סי' קכ"ז) שאם עדיין לא טעם כלום יתענה באותו יום, אע"פ שלא קיבל התענית. ואם נפל בשבת ימתין עד למחר. ומהר"י ברונא (בהערה שם) מוסיף 'לנערים הוריתי שילמדו ב' או ג' שעות יותר בו ביום', וע"ע בליקוטי תשובות מנחת יצחק (סי' ב').

8 כף החיים (סק"ה) שו"ת חיים שאל, בן איש חי, ובשו"ת שבט הלוי (ח"ה סי' ה אות ד) כתב שיתן לצדקה שוה מאכלו ליום אחד, ובמרא דשמעתתא צוה ליתן ח"י פרוטות לצדקה וללמוד דף גמרא עם רא"ש. ורביה"ק זי"ע כשנשאל ע"י תלמידים כדת מה לעשות אם נפלו התפילין בלא הנרתיק, הי' מורה בדרך כלל להתענות, ואם אין לו כח יפדה עצמו בצדקה כמנין ח"י פרוטות.

9 אגרות הרמ"ז (סי' לז) בס"ת שנפל 'כי הלא אפילו המדרגות שלפני ארון הקודש אינם נחשבות כקרקע'. ועכ"פ בתפילין שנפל על השלחן א"צ להתענות.

10 א"ר (סי' מ ס"ז) 'ובכיס או תיק בלא תפילין אין חשש'.

11 בשו"ת שבט הלוי (ח"ה סי' ה) 'דהא דמבואר באו"ח (סי' מ) דהחמירו ממנהג ישראל להתענות, בנפילת תפילין בלי נרתיקן, לא החמירו כן בסופר שעובד על התפילין ונפלו דרך עבודתו, אע"פ שהי' צריך להזהר בזה, ולכ"ע מהני פדיון, והפדיון אני רגיל להורות כדי אכילת יום א'.

12 מ"ב (סי' מ סק"ג) בשם הא"ר (סוס"י בשם שו"ת מהר"י ברונא) הובא בשע"ת (סק"א).

13 כף החיים (סי' מ סק"ח).

בכף החיים (סי' מ סק"ז) כתב שמי שנפלו לו תפילין דצריך להתענות, או אם הם בתוך הכיס דצריך ליתן פרוטה לצדקה. לא כמו שאומרים העולם עד שיפלו למעלה מעשרה טפחים דזהו משום ביזוי תפילין, ובכל גוונא יש בזוי אפילו אם נפלו פחות מעשרה טפחים, וכן כתב בן איש חי (פרשת חיי שרה אות י"ח) מיהו נראה לי דאם נפלו פחות מגובה שלשה טפחים דאין צריך להתענות'.

14 דהמ"א (סי' מד סק"ה) כתב דהענית הוא כפרה על מה שנגרם ע"י זלזול וביזוי להתפילין ולפ"ז הלא הוא לא גרם לזה ואף למהר"י ברונא (סי' קכז) דהוי סימן דמראים לו משמים שהוא צריך לשוב בתשובה כדמצינו לגבי מי שחלם על ס"ת שנשרף ואף בנפילת תפילין איכא סימן לזה, מ"מ זה כתב לטעם המנהג על מי שיש תפילין בידו ונפל מידו.

15 מחצה"ש (סי' מד).

16 לקט יושר (דף טו) 'פעם אחת נפל הכיסוי של תפילין בלא תפילין על הארץ, וכשהגביה אותו הי' מנשק בכיס'.

17 שו"ת שבט הלוי (ח"ג סי' יא). ואם יושב ואחד נתן תפילין או ספר אין צריך לקום שו"ת תשורת ש"י (ח"ב סי' קסט) דהספרים באו בגבולו דומה למבואר באו"ח (סי' קב)

18 בדיעבד די כשהן מוגבהות מן הארץ אפילו משהו.

# אורחות חג הפסח

פתגמים ומאמרים בעניני החג במשנתו של רביה"ק זי"ע

## - חג היציאה -

### הוציאנו ממצרים לחירות עולם משעבודי עולם הזה

אומרים בברכת קריאת שמע של ערבית, ויוצא את עמו ישראל מתוכם לחירות עולם, כי כאשר הוציאנו הקב"ה ממצרים, הוציאנו לחירות עולם, היינו חירות מכל שעבודי עולם הזה, וקיבל אותנו להיות עבדיו הקנויים לו.

לכן אין לאדם לדאוג שום דאגה, כי אם להתקבל להיות עבד במקום הזה, זיך איינקופן ביים באשפעה, לייחד את עצמו לעבודתו בכל חושיו וכוחותיו, ולמלאות על כל שעה ורגע בעבודת קונו.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"ב שצ)

### הקריאה מעורר את הזמן לצאת מכל מיצר

כאשר אנו קוראים בימים אלו, את הפרשיות של יציאת מצרים וקריעת ים סוף, הימים מסוגלים שיזכה כל אחד לצאת ממיצר שלו ומכל הקושיים, מ'זאל זיך קענען ארויסכאפן פון אלע שווערקייטן, "כי כל מה שמיצר לאדם נקרא בשם מצרים" והקריאה מעוררת את הזמן, שיקוים בנו מה שאמר הכתוב (מיכה ז טז) כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, שכמו אז כן עתה, יעשה הקב"ה עמנו נפלאות וניסים, להוציא אותנו מכל מיצר וצער.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג קנ)

### היציאה מגלותינו נזכה רק כשנהגו בשם לשון ומלבוש כמו הבני ישראל במצרים

עלינו להתעורר ביותר לעמוד על המשמר בענינים האלו, להיות מציינים בשם לשון ומלבוש כמו בני ישראל במצרים, ובזכות זה נזכה גם אנו במהרה לגאולה שלימה, כי באותה זכות שנגאלו אבותינו ממצרים, נזכה גם אנו להיגאל מן הגלות הזאת, וכמו שאמר הקב"ה בפרשה זו, (שמות ג - יד) אהיה אשר אהיה, ופירוש רש"י הק', אהיה עמם בצרה זאת, אשר אהיה עמם בשעבוד שאר מלכיות, פי' שבאותו אופן ובאותה זכות שאהיה עמם בגלות זו לגאלם מצרתם, כן באופן וזכות זה אהיה עמם בשעבוד שאר מלכיות, לגאלם מגלויות אחרות, וכמו שאמר הכתוב (מיכה ז טז) כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, ר"ל שבאותו דרך וזכות שזכינו לצאת מארץ מצרים, נזכה לראות ניסים ונפלאות גם לעתיד לבוא.

(עבו"ע דב"ק)

## - חג המצות -

### האור של אכילת מצה בפסח מאיר לכל השנה

אכילת מצה אינו משפיע רק לז' ימי הפסח, אלא הוא מאיר לכל השנה, כמו שאמרו הצדיקים על הפסוק (שמות יג י) ושמרת את החוקה הזאת 'למועדה' מימים ימימה, ומהו כפל הלשון 'למועדה' 'מימים ימימה', אלא הפירוש הוא, ושמרת את החוקה הזאת 'למועדה', אם אתה שומר את היום טוב פסח למועדה, אזי נשאר 'מימים ימימה', יאיר האור משנה זו עד לשנה הבאה באותה עת, האור יזריח בו ויגביה אותו לכל השנה.

(זמירת לפסח עבו"ע – ע"ד)

### אוכלין מצה בפסח כדי לקבל את עול מלכות שמים

נתן לנו הקב"ה מצות אכילת מצה, שהוא לחם עוני, שאינו מגביה עצמה, כדי שעל ידי אכילת המצות, תקבע בקרבנו מדת הענווה ושפלות רוח לקנין נפש, ובכח זה נקבל עלינו עול מלכותו יתברך בכל ימות השנה.

(עבו"ע דברות קודש ח"ב לו)

### המצה מרפא את האדם

זכינו לאכול מצה בימי הפסח, נזדככה נפש האדם ונטהרה מאוד, כמו שאמרו בזוה"ק (ח"ב קסג.) כי המצה הוא מיכלא דאסוותא, והיינו שמרפא את האדם מכל מדות הרעות ותחלואי הנפש.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"ב קלח)

### המצה הביא עלינו רגשי קודש

מצה הוא מלשון מצה ומריבה, ועל ידה אנו מכניסין אל קרבנו כח הקדושה, וכמו שאמר הכתוב (ויקרא ו - ט) מצות תאכל במקום קדוש, שכאשר אנו אוכלין מצה, נעשה בקרבנו מקום קדוש, ומתוך כך זוכה האדם, לקיים הפסוק קדש לי כל בכור פטר וגו' שכח הקדושה יהיה ראש וראשון בעיניו, ושיזכה לעבוד את ה' בבחינת אהבה.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"ב מ')

## - חג האמונה -

### בפסח אפשר להתקרב אל אמונה שלימה

ויש לומר כי הפסוק 'אלוהי מסכה לא תעשה לך את חג המצות תשמור' בא ללמד, כי אף מי שחלש בו כח האמונה ל"ע, שנתקררה בקרבו אמונת אלוקי עולם, ונתרחק מבורא עולם, אפשר לו לבחור ולהתקרב אליו, על ידי קדושת החג הק' הזה, כי על ידי מצות סיפור יציאת מצרים אשר אנו עוסקים בה בחג הקדוש הזה, נקבעה אמונה שלימה בלבנו, כי האמונה ביציאת מצרים, הוא יסוד האמונה של כלל ישראל.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"ב מ"א)

### פסח מסוגל לאמונה שלימה

נזכה ליראה את ה' מתוך אמת, ולהיות קרוב אל ה' תמיד, ונזכה לאמונה שלימה בה', לבטוח רק בה', ולא לבטוח בשום דבר זולתו, שלזה מסוגל חג הפסח, כי מצות הפסח מסוגלת לבוא לאמונה שלימה.

(עבו"ע שיחות קודש ח"ג)

## - חג הפסח -

### אור של חג הפסח מאיר לכל השנה

אור של חג הפסח מאיר אור גדול לכל ימות השנה, כמו שכתוב (שמות יג, י) 'ושמרת את החוקה הזאת למועדה מימים ימימה', היינו שאור הפסח מאיר

משנה זו עד לשנה הבאה בעת הזאת, וכמו שאמרו חז"ל (ר"ה ב.) שחודש ניסן הוא ראש השנה לרגלים, והיינו כי חג הפסח הוא ראש לכל המועדות והזמנים של כל ימות השנה, וכן אומרים בפיוט שבסוף ההגדה, 'בראש כל מועדות נשאת פסח'.

(עבו"ע דברות קודש ח"א רפח)

## יכולין לפעול הגאולה שלימה בפסח

בפסח אפשר לפעול הגאולה שלמה, כמו שאמרו חז"ל (ראש השנה יא.) בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל, גם השם ניסן הוא מלשון הכתוב (ישעיה סב.) הרימו נס שהוא לשון התרוממות, שבזה החודש יתרומם כלל ישראל במהרה.

(עבו"ע שיח"ק ח"א קפ"ב)

## החיבור של ההגדה

סדר הגדה של פסח לא נודע שם מחברו, ואמר הרה"ק רבי שמחה בונם מפשיסחא זי"ע, כי הרבי הק' מלובלין זי"ע גילה סוד הדבר, כי אליהו הנביא זכור לטוב חיברו, וכן רואים, כי הלשון דומה מאוד ללשון התנא דבי אליהו.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג קן)

## גודל אכילת 'בארשט' בפסח

בענין אכילת בארשט בפסח שמעתי ממנו [זקיני הסב"ק זי"ע] ענין אשר לא אוכל לגלות, וכפי הנראה לא אגלה זאת לעולם.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"א צד)

## השמחה של אדר נמשכת להימי פסח

והשמחה של חודש זה נמשכת גם לחודש ניסן, כמו שפירש"י הק', על מאמר חז"ל (תענית כט.) משנכנס אדר מרבין בשמחה, ימי ניסים היו לישראל פורים ופסח, הרי מפורש ששמחה זו נמשכת גם לימי פסח.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"א רצה)

## בליל פסח יכולין לצאת מן הגלות פרטי

בליל פסח בני ישראל נכנסים אל ה', ומתבטלים אליו, והקב"ה נגלה עלינו לגאלנו גאולה פרטיות.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"ב יט)

**- חג האותות -**

## מקריעת ים סוף ילמדו שצריכין לבטוח ולהאמין שהתפלות נתקבל

אמר ה' למשה מה תצעק אלי, כבר שמעתי צעקתם, וכן תרגום אונקלוס, מה תצעק אלי, קבלתי צלותך, והיינו שהקב"ה לימד בזה את משה, כי אמר שהאדם כבר מתפלל, צריך להאמין כי תפלתו נתקבלה, ומעתה יבטח בישועת ה'.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"ב שע"ז)

## בעת קריעת ים סוף נפתחה הישועה לדורות עולם

העטרת צבי כותב בפירושו על הזוהר בפרשת בשלח (דף נב) וזלה"ק: נפתח אז בעת קריעת ים סוף הישועה לדורות עולם, הן לרבים הן ליחיד, הן בכלל או בפרט, כל אחד הגם אם יסתמו ויסגרו שערי השפע הפרנסה או הזיווג ח"ו, אז נבקש על עת רצון הנפתח בעת קריעת ים סוף ממזלא דעתיקא, כמאמר דוב ע"ה (תהלים ס"ט יד) ואני תפלתי לך ה' עת רצון, כשם שנפתח אז צנור הרצון להגלות נגלות הארת עתיקא בזעיר אנפין, עכלה"ק.

והענין בזה, כי כל אור שנתגלה כבר פעם אחת בעולם, אפשר להמשיכו אחר כך עוד הפעם בניקל (וכו').

וקל וחומר שכן הדבר במדה טובה, שאם נמשכה פעם אחת השפעה טובה לעולם, הרי זו גוררת עוד השפעות כאלה, ובכל פעם שמזכירים ומעוררים ההשפעה שנשפע פעם אחת, הרי זו גורמת שתמשך כן שנית, לכן כתב העטרת צבי שכל פעם שבר ישראל צריך ישועה באיזה ענין שהיה, יתפלל שיעורר הישועה שנשפע בקריעת ים סוף.

(עבו"ע שיח"ק ח"ב שנ"ד)

## ישועת קריעת ים סוף הוא שנפתחו מעיינות החכמה

בשעה שנקרע הים לפני בני ישראל, נבקעו כל מעיינות החכמה, ונפתחו לבני ישראל השגות התורה, כי אין מים אלא תורה, וזהו ענין קריעת ים 'יום' עולה חמישים, רומז לחמישים שערי בינה שנפתחו לפניהם, וזכו להשיג את התורה בהשגה נפלאה.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"א רכו)

## פירוש וישע ה' ביום ההוא

פירוש הכתוב (שמות יד ל) ויושע ה' ביום ההוא, שהיום ההוא עצמו גרם להמשיך הישועה לבני ישראל, וזהו גם פירוש הכתוב (בראשית מח כ) ויברכם 'ביום ההוא' שבכח היום המשיך להם הברכה, גם ביום ההוא רומז לשם אהו"ה שנקרא שם הדעת, היוצא מן הפסוק א'ת ה'שמים ו'את ה'ארץ, שעל ידי השם הזה שהאיר אז נמשכה להם הישועה והברכה.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג שנד)

## הקב"ה ממתין על ליל שימורים להוציאנו ממיצרים שלנו

וזה רומז בכתוב הזה, ליל שמורים הוא לה', שמורים מלשון המתנה, כפירוש רש"י הק', והיינו כי הקב"ה כביכול שומר וממתין על הלילה הזה, להקדים לבוא אלינו באתערותא דידיה תחלה, להוציאם מארץ מצרים, נאמר להוציאם, לשון עתיד, שהקב"ה ממתין על ליל שמורים של כל שנה ושנה, להוציאנו בכל שנה ממיצר ים שלנו, לגאלנו באתערותא דלעילא, מכל צער צרה וצוקה שאנו נמצאים בהם, שנקראו בשם מצרים.

(זמירות לפסח עבו"ע לז)

ימי הספירה

## רומז מימי הספירה ליהיה חשבון וסדר קבוע לכל איש

זהו ענין מצות הספירה, שעל ידה אנו מכינים עצמינו ליום מתן תורה, כי ענין הספירה מרמז לאדם שצריך לספור הימים והשעות בימי חייו, ולעשות חשבון לנפשו מה פעל ועשה בכל יום ויום מימי חייו, וזו היא ההכנה למתן תורה, כי בכח זה זוכה האדם לקבל התורה ולקנות התורה הק' קנין נפש.

לכן גם עתה אחר חג השבועות, עלינו להמשיך בספירת הימים והשעות, לספור ולמנות כמה ימים נשאר לנו עד חודש אלול, וכמה עד ראש השנה הבעל"ט, ויהיה לאדם חשבון וסדר קבוע על כל רגע מימי חייו, שלא יבטל מן הסדר הקבוע בשום אופן.

(עבו"ע דברות קודש ח"ב קנ"ב)

## הרפואה לילך תחת הגשמים בימי הספירה

ובימי הספירה, צוה [הסב"ק זי"ע] לילך תחת מי גשמים שירדו בימים ההם, כמובא בספרים הק' שהם מסוגלים לרפואה.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ג י"ב)

ראיתי אצל זקיני הקדוש [הסב"ק זי"ע] שהיה דרכו בימי הספירה כאשר ירד גשם היה מגלה זרועותיו ופותח את פיו, לרחוץ את עצמו מגשמי ברכה, ואמר שכן נהגו צדיקים, וגם היה דרכו ליתן לפעמים מגשמי הספירה לצרכי רפואה לאנשי שלומיו.

(זמירות לפסח עבו"ע - רפ"ט)

יש ללמוד ממצות הספירה אשר אנו מקיימים בימים אלו, שבאמת היה די לספור שבעה ימים, לתקן בכל יום מדה אחת, ואנו סופרים שבעה פעמים שבעה, כדי לחזור שבעה פעמים על תיקון כל מדה, כי כדי לחקוק דבר בלב האדם שיזכרנו, צריך לחזור עליו שבעה פעמים (וכמו שנהג הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע ולחזור בכל שנה כל הש"ס ופוסקים, וחזר עליהם שעה פעמים, וזהו סגולה לזכור את הלימוד).

(עבו"ע שיח"ק ח"ג רצ"ט)

עומדים בימי הספירה, הרי זהו העבודה לטהר את המדות, בימים אלו חייב כל יהודי לעמול על המדות, ורק בזה יכולים לקבל את התורה בחג השבועות, ורק על ידי זה יכול התורה לקרב אותנו להשי"ת.

(זמירות לפסח עבו"ע - רכח)

## הדרכה לעניני עבודת ה' אחרי הפסח

אחרון של פסח, כשנפרדים מיום טוב של פסח, אחרי שעבר עלינו הימים טובים, ליל הסדר ושאר היו"ט, ועכשיו באים ימי החול, ימי המעשה, ימי הגלות, צריכים אנו עכשיו לקבל עלינו, אפילו כשלא ירגשו כלום בימי החול, אפילו כשלא ירגשו את האור של היום טוב, ולא ירגישו טעם בעבודת ה', ויהיה בבחינת וירא את המקום מרחוק (בראשית כב, ד) ויהי ימי חשכות והסתה, אעפ"כ נתייגע ונהיו נאמנים להשי"ת, לא נעזוב את העבודה, ולא נחשוב שאיננו יכולים לעמוד בנסיונות הקשים, כי רושם האור של חג הפסח הקדוש מאיר בכל השנה, ועם כח זה יכולים אנו להתגבר על כל הקשיים בכל השנה.

(זמירות לפסח עבו"ע - רב)

**ויה"ר שנשפע עלינו השפעות החג, ואור של חג הפסח יאיר עלינו משך כל השנה, אכי"ר.**

## פירוש 'שפע רב' בספירת העומר

אומרים בכל ערב אחר ספירת העומר, ועל ידי זה ישפע שפע רב בכל העולמות, 'שפע רב' כולל כל הישועות, כי כאשר הקב"ה משפיע לבני ישראל שפע רב, לא חסר להם עוד דבר.

## שבע מידות

והנה כעת כאשר אנו

חברה הצלה קרית טאהש
SERVICE AMBULANCIER
BÉNÉVOLE HATZOLAH
T: 450.430.2630 | F: 450.434.7729 | Urgence: 450.434.2222

טראוועל אינשורענס

א דרינגענדע בקשה
צו די חשובע געסט שיחיו וועלכע קומען קיין קרית טאהש.

אזוי ווי מיר האבן געהאט דורכן יאר - און ספעציעל יום טוב צייט ווען עס זענען דא מערערע געסט - מערערע פעלער, אז א גאסט זאל רופן הצלה און דארפן גיין אין שפיטאל, און מען פארמאגט נישט קיין טרעוועל אינשורענס.

אויב איז דאס נישט א לעבנסגעפאר, וועט די שפיטאל אייך נישט זעהן נאר מיט א קרעדיט קארד פון פאראויס, וואס דאס קען אפקאסטן שווערע טויזנטער דאלארן, און דעריבער דארפן מיר מערערע מאל שיקן דעם פאציענט צו פארן אריבער די גרעניץ קיין פלאטסבורג, וואס דאס צושטערט אויך דעם יום טוב מיטן זיך דארפן טרעפן אליין אין שפיטאל אין א פרעמדע געגנט..

אויך אין פאל אז עס איז יא אן עמערדזשענסי, און די שפיטאל מוז גלייך אננעמען און געבן קעיר, שטעלט דאס אבער די חברה הצלה און א גרויסן פארלעגענהייט, וויבאלד מיר טראנספארירן צו די גוטע מאנטרעאלע שפיטעלער, - ווי איידער צו די לאקאלע פראנצויזישע שפיטאל, וואס איז נישט די בעסטע פאר א היימישע איד צו דארט אנקומען, אן צוטריט פון עסקנים, - און כאטש וואס טאהש איז נישט און זייער געגענט, נעמען זיי אונז אן אלס א טובה. אבער אויב מיר שמירן זיי אן מיט פאציענטן וואס לאזן זיי איבער מיט א ביל, טוט דאס זייער שאדן מאכן, אז זיי וועלן מער נישט וועלן אנעמען אונזערע פאציענטן. (אויסער פון דעם וואס די שפיטאל האט שוין עטליכע מאל פרובירט גאר צו בילן הצלה דערפאר).

דעריבער אפעלירט הצלה צו אייך.

פארט נישט קיין קאנאדע אן טרעוועל אינשורענס!!

עס איז זייער לייכט צו באשטעלן און איז רעלאטיוו ביליג, עס דארף ווערן געמאכט איידער איר פארט ארויס. איהר קענט דאס באקומען ביי אייער טרעוועל אגענט אדער אינשורענס בראוקער.

אויך קענט איר רופן, אין נוי יארק: אונזער היימישע טרעוול/אינשורנס אגענט מאנ"ש מו"ה משה מרדכי וויינבערגער נ"י (718) 486-5110 - אין קרית טאהש: מו"ה יואל שימאנאוויטש נ"י (438) 476-3158

Travel Insurance

והשם ישמור צאתכם ובואכם מעתה ועד עולם, בברכת חג כשר ושמח

חברה הצלה קרית טאהש

בס"ד
ישיבת בין הזמנים
שע"י ישיבת אור החיים לטאהש
א' תז"מ

מודעה חשובה
שמחים אנו להודיע שבז"ה
ביום שלישי
יום האחרון של ישיבת בין הזמנים, יבוא
כ"ק מרן רבינו שליט"א
לבקר אצל ישיבת בין הזמנים
בשעה 2:00

רבינו שליט"א ישא מדברותיו,
יזמרו יחד ניגוני התעוררות, ואח"כ
יחלק הפרסים
לאלו שהשתתפו אצל ישיבת בין הזמנים

# שבעת ימים תאכלו מצות

כח וסגולת אכילת מצה בפסח מפי ספרים וסופרים

## המצה פועל בלב האדם להיות מקום קדוש

אנו עוסקים באכילת המצה אשר בכחה אנו עורכין ריב נגד בחינת הס"א, כי מצה הוא מלשון מצה ומריבה, ועל ידה אנו מכניסין אל קרבנו כח הקדושה, וכמו שאמר הכתוב (ויקרא ו ט) מצות תאכל במקום קדוש, שכאשר אנו אוכלין מצה, נעשה בקרבנו מקום קדוש, ומתוך כך זוכה האדם, לקיים הפסוק 'קדש לי כל בכור', שכח הקדושה יהיה ראש וראשון בעיניו, ושיזכה לעבוד את ה' בבחינת אהבה, 'פטר כל רחם בבני ישראל', ולהעלות בחינת אדם ובהמה, שכל עסקי הגוף והנשמה יהיו לשם ה', ועל ידי זה זוכה ליציאת מצרים פרטית, היום אתם יוצאים בחודש האביב.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"ב דף מ')

## מביא את האדם לאמונה, ומרפא לו מכל תחלואיו

על ידי אכילת המצה שהיא מיכלא דמהימנותא אנו פועלים לנטוע בלבנו אמונה שלמה.

(שם דף מ"א)

כאשר אנו אוכלין מצה בימי הפסח נזדככה נפש האדם ונטהרה מאוד כמו שאמרו בזוה"ק (ח"ב קפג:) כי המצה היא מיכלא דאסוותא והיינו שמרפאה את האדם מכל מדות הרעות ותחלואי הנפש.

(שם דף קל"ח)

## ע"י המצה זוכה להינצל מנסיונות קשים וזוכה לענווה

הנה בכל ימות השנה, היצר הרע לא ינוח ולא ישקוט, מניח כל כחו על האדם להכשילו ולטורדו, ומעמיד לפניו הרבה מניעות ודמיונות שונות כדי לצודו ברשתו, והקב"ה מגודל אהבתו שאוהב אותנו, חפץ בטובתינו, וכדכתיב (ש"ב י"ד) וחשב מחשבות לבלתי ידח ממנו נדח, ופירשו בספה"ק דהיינו שהקב"ה ביקש עצות ותחבולות, היאך שום בר ישראל לא ידח ממנו, ואף מי שהוא כבר נדח חלילה, שכבר נתרחק הרבה מהקדושה ומדרך האמת, גם כן לא יהא נדחה מפניו לגמרי, ויוכל לשוב ולהתקרב אל השי"ת.

ולכן נתן לנו השי"ת ברוב רחמיו וחסדיו את היום טוב הקדוש הזה של פסח, עם כל המצוות הקדושות שבו, וצונו על ביעור חמץ, היינו שנתן בנו הכח והיכולת לבער החמץ שבלב, ואח"כ צונו על אכילת מצה, שעל ידי אכילת המצוות הקדושות, נזכה להמלט ולהנצל מנסיונות הקשים של היצר.

על כן בימי הפסח האלו, זאל מען זיך צוכאפן צו די טעג, זיך צוריקצוכאפן צום אייבערשטן וכו', ווען מ'זעצט זיך צום סדר מקיים זיין דעם מצות אכילת מצה, זאל מען אינזינען האבן, שע"י אכילת המצה, יזכו לקנות את כח הענוה וכל המדות טובות המרומזים במצות אכילת מצה וכו', ועי"ז נזכה להתעלות ולהתקרב אל השי"ת, שבכל ימות השנה נתנהג בדרך התורה כרצון הבורא ב"ה.

(מתוך עבו"ע אמ"ק ח"ב דף ס"ט ע"ב)

## הכוונה באכילת מצה להמשיך כח הענווה וזיכוך המידות

שבעת ימים תאכל מצות. הרמז בזה על פי המבואר בכל הספה"ק כי ענין אכילת מצה רומז על מדת הענוה, וידוע כי במדת הענוה תלוי תיקון כל המדות, וזהו שבעת ימים תאכל מצות, שעל ידי אכילת מצה, הרומז למדת הענוה, תוכל לתקן את כל שבעת המדות, הנקראים שבעת ימים כידוע (זוה"ק ח"ג קצ"א:), כי אכילת המצה נותן כח ועוז להאדם להתגבר על כל מדותיו הרעים, ועל ידי זה יש בכחו לזכך את שבעת מדותיו להיותם כולם מתוקנים לרצון הבורא ב"ה וכו'.

על כן כשיושבין לסדר ליל פסח, לאכול הכזית מצה, זאת צריך להיות עיקר הכוונה, לקנות את כח הענוה המרומז במצה, ועל ידי זה לקנות כל המדות טובות. ועל כן נקרא המצה בזוהר (ח"ב קפג:) מיכלא דאסוותא, כי המצה הוא רפואה לכל חולי המדות הקשות וכו'. כי על ידי אכילת מצה בפסח בכוונה הראויה, זוכה האדם להמשיך כח הענוה גם לכל ימות השנה כמו שאמרו חז"ל (פסחים קיט:) הטעם שאין מפטירין אחר הפסח אפיקומן, כדי שלא יעבור טעם מצה מפיו היינו שהכח של אכילת מצה, המסוגל לקנות את כח הענוה וזיכוך המדות, ישאר בקרב האדם על כל ימות השנה, לעבוד הבורא ב"ה בטהרת המדות.

(עבו"ע אמ"ק ח"ב דף ע"א)

## בעת אכילת מצה נפתח עת רצון, זוכין לפעול ישועות

'מצה' בלשון תרגום הוא 'פטיר', והוא לשון 'פתיחה', מלשון 'פטר' רחם, רומז כי בעת אכילת מצה בליל פסח, מתעורר עת רצון, ופותח הקב"ה כל השערים, שערי הקדושה ושערי השפע, ויכולין לפעול כל הישועות, ואין לו להס"מ שום שליטה בינינו.

(מדברי רביה"ק זי"ע פסח תשל"ז)

אמרו חז"ל (פסחים קט"ו:) למה נקרא לחם עוני שעונין עליו דברים הרבה.

נראה לומר בדרך מליצה, שעל ידי פת זה נענין מן השמים על דברים הרבה לכל צרכי בני ישראל.

(אור מלא דף ס"ח)

## ע"י אכילת מצה נמשך להאדם האתערותא דלעילא ואור הדעת

ידוע מדברי האר"י הק' (פרע"ח שכ"א פ"א) שעיקר גלות של בני ישראל במצרים היתה גלות הדעת, כי קליפת מצרים היא בחינת הדעת דקליפה, כמו שאמר פרעה (שמות ה') לא 'ידעתי' את ה', שלא האמינו בהנהגת הבורא ב"ה בעולמות, ובני ישראל נמשכו אחר הדעת דקליפה של מצרים שלא ידעו ולא הכירו את ה' בהכרה אמיתית, ובאמונה השלימה, ובליל פסח, כאשר הגיע עת דודים לגאול את בני ישראל ממצרים, עיקר הגאולה היתה, בזה שהאיר הקב"ה עליהם את אור הדעת באור גדול, באתערותא דלעילא שלא כסדר הדרגין,

ומבואר בספרים הקדושים, שזהו הענין שצוה הקב"ה על בני ישראל על אכילת מצה בליל פסח, כדי שעל ידי אכילת מצה ימשיכו עליהם את אור הדעת, והוא על דרך מאמר חז"ל (ברכות מ.) אין התינוק יודע לקרות אבא עד שיטעום טעם דגן, היינו שכמו בגשמיות אין התינוק יודע כלום עד שטועם טעם לחם, כן בני ישראל בעת צאתם ממצרים, לא השיגו את אור הדעת, לידע את ה', עד שקיימו מצות אכילת מצה, שעל ידי אכילת מצה הגיעו להכרה אמיתית בהשי"ת, וידעו לקראו אבא, וכמו שבאכול התינוק את הדגן יודע לקרות אבא, אף שהוא למעלה מהשגתו ודעתו, כי עדיין אינו מבין ומשיג האיך ובמה הוא אביו, רק שיודע בידיעה ברורה שזהו אביו, כך השיגו בני ישראל את ה' על ידי אכילת המצה, בידיעה שהוא למעלה מהשגתם ודעתם, רק בבחינה שהוא למעלה מן הטעם והדעת, על ידי שהאיר הקב"ה עליהם את אור הדעת באתערותא דלעילא, והדבר הזה נשנה בכל דור ודור, שבכל ליל פסח מאיר הקב"ה עלינו את אור הדעת באור גדול, ועל ידי אכילת מצה אנו ממשיכים את האור הזה לידע את ה' בידיעה ברורה וחזקה.

(מדברי רביה"ק זי"ע פסח תשנ"ה)

## מצה רומז לאמונה שלימה

יש לרמז בתיבת מצה, שהוא מלשון מציאה, כי המצה נקראת בזוהר מיכלא דמהימנותא, כי מראה על גודל האמונה של כלל ישראל, שהאמינו בה', ולא שאלו מה נאכל, אלא יצאו באמונה פשוטה כשהבצק על שכמם, וזהו הרמז בלשון מציאה, לרמז שבטחו בהשי"ת והשליכו על ה' יהבם "שימציא" להם כל צרכיהם, כדרך המציאה הבאה בהיסח הדעת, בלי השתדלות ויגיעה עצמית כלל.

(מדברי רביה"ק זי"ע פסח תשל"ז)

הנה המצה קראו בזה"ק (ח"ב קפג:) מיכלא דמהימנותא, וצריך להתבונן על איזה אמונה מורה הוראת המצה. ונראה לומר, דהנה הלחם חמץ מגביה את עצמו ועושה פעולה בעצמו זולת פעולת האומן שעשאה, כי האומן לא עשאה רק כפי שיעור גודל הקמח והמים, והעיסה מגביה את עצמה אח"כ בפעולתה יותר ממעשה האומן ויוצאת מן הגדר וגבול שגבלה האומן, מה שאין כן המצה נשארת בגבולה וגדרה שהגבילה האומן, והנה אבותינו כשהיו משוקעים בטומאת מצרים היו משוקעים בתוך אמונות כוזבות, ואמונת מצרים בימים ההם היה למזל טלה בכור המזלות (זח"ג רנ:) באמרם שהכל מתנהג על פי המזלות וכפי התחייבות המערכה, והנה כאשר השי"ת הודיע לבני האדם גבורותיו ושידד מערכות השמים בעבור אהבת ישראל עם קרובו, הנה המזל של מצרים בזמן חדשו וממשלתו דהיינו (יצירה פ"ה מ"ב) בחדש ניסן שמזלו טלה ודייקא בט"ו לחדש שהוא אז בתכלית התוקף והגובה אז שידד השי"ת מערכותו והוציא את ישראל מתחת יד מצרים העובדים למזל ההוא במסות באותות ובמופתים אז הכירו כל באי עולם כי יש גבוה מעל גבוה שומר ואפילו ההנהגה הטבעיות הכל בהשגחתו ית"ש.

(בני יששכר מאמרי חדש ניסן, מאמר ד, טיול בפרדס, דרוש א' רמז)

ונראה לומר, דהנה הלחם החמץ, האומן כשעושה אותה בפעולתו, אח"כ כשאומן גמרה במדתה הנה העיסה בעצמה עושה פעולת עצמה, היינו שמרתחת ומגבהת את עצמה לכל צד ונסדקת בכמה סדקים, וכיוצא כמה פעולות בעניני החימוץ אשר העיסה עשתה בעצמה מבלי האומן, כי האומן כבר סילק ידיו וחלף והלך לו, משא"כ מצה אינו עושה שום פעולה מעצמה רק פעולת האומן, וזה שמרומזת המצה לאמונה ובטחון שאין לנו שום תנועה בזולת השגחתו ית"ש ולא יוסיף האדם ולא יגרע בעבודתו דבר.

(שם מאמר ח, מצות תאכל)

פוסקין מלומר גשם בחג הפסח (תענית ד:), דהנה גשם הוא פרנסה (שם ד:), והנה אכילת מצ"ה לח"ם עני"י הוא סגולה לפרנסה, כי מאכילת מצוה הלזו נמשך פרנסה לכל השנה, על כן (ר"ה טז.) בפסח נידונין על התבואה, על כן מצ"ה לח"ם עני"י בגיטריא גש"ם.

(שם)

## שמירה על כל השנה ע"י מצה

כשאוכל מצה שמורה, גורם לנפשו שמירה בכל השנה מן היצר הרע וכו', שנתעורר בזה סוד עת רצון, למתק כל הדינים, להמשיך רחמים ורצון על ישראל, אמן.

(אוצר החיים ח"ד דף סד.)

אכילת המצה היא רפואה לכל איש ישראלי שלא תזיק כל השנה אכילת החמץ לנפשו.

(מאור ושמש רמזי פסח ופי' על הגדה)

## ע"י מצה נהרג המזיקין והיצר נתבטל

סוד הא "לחמא עניא" ובגימטריא "חרב", נעשה סוד 'חרב' פיפיות, להרוג המזיקין שנבראו על ידי קרבן ר"ל.

(אוצר החיים ח"ד דף ס"ב)

מצות יאכל את שבעת הימים. לעתיד בעת שיהיה הלבנה כאור שבעת הימים, יתבטל היצר מכל וכל, ויהיה היחוד בסוד "מצות", (וזהו מצות יאכל את שבעת הימים, שלעתיד בעת שיהיה האור כאור שבעת הימים, יאכלו בחינת מצות).

(היכל הברכה ח"ב דף עד.)

## תיקון העוונות ע"י אכילת מצה

אמרו חכמינו ז"ל (סנהדרין ע:) עץ שאכל אדם הראשון ממנו חטה היה וכו', ולכן מצוה עלינו לאכול מצה שהוא מחטה לתקן חטאו, ולברר ניצוצים קדושים שנפלו על ידי חטא אדם הראשון, ובפרט הניצוצים קדושים שנפלו על ידינו בעוונותינו, וכל אדם יכוון על ידי אכילת מצה לברר הניצוצים קדושים כנ"ל מה שנפלו על ידי חטאו ח"ו.

(זרע קודש מועדים ליום ז' של פסח)

הנה 'חמץ' הוא סתום, ו'מצה' יש בה ה' שהוא פתוחה, רמז שהשם יתברך פותח שער לדופקי תשובה.

(אוהב ישראל פר' ויצא)

## ברכת אכילת מצה בדביקות

שמעתי כמה פעמים מכ"ק אאמו"ר זללה"ה [ר' מנשה יעקב קלינבערג חתן רבינו מהרי"א מקאמארנא], שאמר שיוכל לומר זאת אפילו לפני בית דין של מעלה, שפעם אחת ליל א' דפסח, כאשר אמר זקיני [רבינו מהרי"א מקאמארנא] את ברכת אכילת מצה, לא ראו צורתו איזה רגעים, כי היתה הברכה בהתפשטות הגשמיות.

(כתבי שם)

# ממחרת השבת

## מאמר נאה בענין ספירת העומר

די צווייטע נאכט פסח הייבט מען אן ציילן ספירה, און מען הייבט אן מתקן זיין אלע זיבן מדות ביז מען קומט צו צו קבלת התורה.

די ספרים הקדושים פרעגן, אז אויף א יעדע מצוה מאכט מען א ברכת שהחיינו, איז פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכת שהחיינו אויף די מצות ספירת העומר.

ווערט געברענגט פון די ספרים הקדושים אפאר תירוצים, איין תירוץ איז אז אין די ימי הספירה איז מען זיך מעלה אין די ז' מדות, און מען איז ממשיך געוואלדיגע גרויסע אורות, אבער דאס אלעס איז שוין אראפגעקומען די ערשטע נאכט פסח, נאר יעצט איז מען עס ממשיך צוביסלעך מיט אונזער עבודה, וועגן דעם קען מען נישט מאכן קיין שהחיינו.

ענליך צו דעם ווערט געברענגט אז וויבאלד די הארות קומען אראפ צוביסלעך, קומט אויס אז מען טוט נישט די מצוה פון ספירת העומר אויף איינמאל, אויב אזוי קען מען נישט מאכן קיין שהחיינו.

נאך א תירוץ ווערט געברענגט פון קדושת לוי און פון נאך ספרים, אז דער אייבערשטער האט אוועקגעשטעלט אז כדי אונז צו מקרב זיין תחת כנפי השכינה און זוכה זיין צו קבלת התורה דארפן אונז ציילן זיבן וואכן וואס מען רייניגט זיך פון אלע טומאות און זוהמות, און דאס טייטשט 'תעבדון את האלקים על ההר הזה', 'תעבדון', מאכט תעבדו נו"ן, אז מען זאל זיך רייניגן און זיך אויסארבעטן פאר פופציג טעג, און נאכדעם וועט מען קענען מקבל זיין די תורה אויפ'ן הר סיני, אבער ווען די אידן האבן געציילט האבן זיי אויסגעווארט א יעדן טאג ווען עס קומט שוין אן די פופציגסטע טאג, און אויב זיי וואלטן געקענט ענדיגן די ימי הספירה אויף איין מאל וואלטן זיי עס גלייך געטון, וועגן דעם קען מען נישט מאכן קיין ברכת שהחיינו אויף די מצוה פון ציילן פופציג טעג.

אויך איז די קדושת לוי מסביר וואס עס טייטשט די פסוק 'וספרתם לכם ממחרת השבת', אז עס איז דא 2 מדריגות פון תפלה, איינס איז ווען מען איז מתפלל צום אייבערשטן, און מען בעט נאר אז זיי זאלן קענען בעסער דינען דעם אייבערשטן, און מען פארגעסט פון מתפלל זיין אויף די אייגענע גשמיות'דיגע צרכים, און די אנדערע מדריגה איז, ווען מען איז נישט אין אזא הויכע הדרגה און מען איז יא מתפלל פאר די גשמיות'דיגע צרכים און זייער פרנסה.

די גרויסע מדרגה פון מתפלל זיין נאר אויף רוחניות און פארגעסן פון די גשמיות דאס ווערט אנגערופן 'שבת', וויבאלד שבת איז מעין עולם הבא, דאס זאגט דא די פסוק 'וספרתם לכם', - ווען וועלן ענק אנהייבן אריינטראכטן אין ענקערע אייגענע צרכים, 'ממחרת השבת', - נאר נאכדעם וואס ענק זענען בבחינת שבת, ווען ענק קומען אראפ פון די מדריגה, ד.מ. נאך פסח אין די ימי הספירה, דעמאלטס ארבעט מען אויס די מדות וואס דאס איז אין די טבע און מען איז מתפלל אויף דעם, און נאכדעם ווען עס קומט יו"ט שבועות איז מען מעלה אונזערע צרכים אלעס צום אייבערשטן.

*

דער הייליגער מאור עינים זי"ע איז געפארן אמאל אויף שבת פרשת בחוקותי צום הייליגן בעש"ט זי"ע, און מען האט אויסגערופן דעם הייליגן מאור עינים צו עולה זיין די פרשה פון די תוכחה, און ער האט געהאט חלישות הדעת דערפון, וויל געוועגליך איז מען קיינעם נישט מכבד דערמיט.

דער בעש"ט הק' איז געווען די בעל קורא, און ווען דער בעש"ט האט אנגהויבן ליינען האט דער מאור עינים געפילט ווי אלע זיינע מיחושים וואס ער האט געהאט גייען אוועק (ווי באקאנט איז די מאור עינים געווען א שוואכער מיט געוויסע מיחושים).

נאכ'ן ליינען האט אים דער בעש"ט געזאגט אז מיט דעם האט ער אים צוגעגרייט צו די יו"ט שבועות, אזוי ווי די אייבערשטער האט אויסגעהילט אלע קראנקע פאר קבלת התורה.

*

דער הייליגער עבודת ישראל טייטשט אריין אינעם פסוק 'וספרתם לכם', אז 'וספרתם' איז א לשון פון שיינען, אזוי ווי 'ספיר ויהלום', דאס טייטשט 'וספרתם לכם' - עס דארף אריין שיינען אין אונז די תשובה ומעשים טובים, 'ממחרת השבת', - דורך די קדושה וואס מען האט באקומען ביים סדר די ערשטע טאג פסח, ווען מען איז ממשיך די גרויסע הארות דורך די דריי מצות און די ד' כוסות, אז פון דארט זאל מען ממשיך זיין די הארה צו די זיבן וואכן פון ספירה.

*

דער הייליגער בת עין פרעגט אז פארוואס פסח דארף מען עסן דוקא מצות, און שבועות האט מען געדארפט דוקא חמץ, וויל די שתי הלחם וואס מען האט מקריב געווען שבועות האט געמוזט זיין דוקא חמץ.

ענטפערט ער אז עס איז דא צוויי בחינות אין עבודת ה', איינס איז בבחינת התגלות, דאס איז מיט אסאך תנועות וואס מען זעהט פון אינדרויסן, אבער דאס איז נאכנישט אינגאנצן בשלימות, די עיקר עבודה איז די צווייטע וועג באתכסיא, דאס מיינט אז מען איז דבוק בפנימיות מיט'ן אייבערשטן און מען ווייזט גארנישט ארויס פון אינדרויסן, און באמת האבן ביידע עבודות אויף א חלק פון די אנדערע, וויל דער וואס טוט די עבודה בהתגלות, הייבט זיך קודם אן די עבודה אין זיין הארץ און נאכדעם קומט עס ארויס צו זיינע דרויסנדיגע אברים, און אויך דער וואס טוט זיין עבודה באתכסיא, דארף כאטשיג ארויסזאגן די דיבורי התפלה מיט'ן מויל.

און מיט דעם קען מען דא פארענטפערן, אז מצה ווייזט אויף די עבודה בהתגלות, וויל די אותיות מ"צ בחילוף א"ת ב"ש איז די אותיות י"ה, און די ה' פון מצה איז אפען אבער דאס ווייזט אויף די עבודה בהתגלות, און חמ"ץ ווייזט אויף די עבודה באתכסיא וויל די ח' איז פארמאכט.

איז פסח ווען די אידן זענען ארויסגעקומען פון די מקום טומאה, זענען זיי נאכנישט געווען אזוי אויסגעלייטערט, האבן זיי נאכנישט געקענט דינען דעם אייבערשטן בבחינת אתכסיא, נאר זיי האבן נאך געטון די עבודה בבחינת התגלות, און נאכדעם וואס זיי האבן זיך אויסגעארבעט אין די ימי הספירה און בשעת קבלת התורה איז געווען פסקו זוהמתן, און זיי האבן זיך אינגאנצן אויסגעלייטערט פון די חומריות הגוף, דעמאלטס זענען זיי אנגעקומען צו דינען דעם אייבערשטן בבחינת אתכסיא.

# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק זי"ע

## עס דערציילט
## הרה"ג ר' יוסף צבי ליעבערמאן שליט"א
## אב"ד בעסערמין מאנסי

## א צדיק אין פעלץ

איך האב געהערט עטליכע סיפורים פון הר"ר שמואל מרדכי לעבאוויטש הי"ו פון מאנסי, א זון פון הר"ר משה הערש לעבאוויטש ע"ה, וועלכער האט געלערנט אינאיינעם מיט רביה"ק זי"ע אין שטאט קאלוב ביי הרה"ק בעל באר מנחם מקאלוב זי"ע.

אין אינדערפרי ווען מען איז געקומען אין בית המדרש, האט מען געזען ווי רביה"ק זי"ע - וועלכער איז דאן אלט געווען בלויז צוועלף יאר - שטייט אינאיינעם מיטן שמש און קלויבט שפענדלעך צו קענען הייצן דאס בית המדרש.

די חברים האבן אים געפרעגט: "משולם פייש, האסט נישט וואס צו טון נאר קלויבן שפענדלעך?" האט דער רבי מסביר געווען: "איך בין א בחור אין ישיבה, א רבי'ש אייניקל וואס האט נישט קיין געלט, האב איך געזוכט וויאזוי איך קען מקיים זיין די מצוה פון צדקה. איז מיר איינגעפאלן אז ווען איך העלף דעם שמש מיט די ארבעט פון הייצן די שול, וועט דאס זיין א דאפלטע חסד: סיי אז דער שמש וועט האבן הילף און די ארבעט וועט אים זיין גרינגער, און אויך וועל איך ארויסהעלפן די בחורים צו קענען לערנען אין א געהייצטע שול, און אזוי וועל איך האבן א חלק אין זייער לימוד התורה."

## ביז זיי וועלן דיר ליב האבן

אויך האט ר' משה הערש דערציילט: רביה"ק זי"ע האט שוין אין די יונגע יארן אפגעראכטן און אויסטערלישע עבודת התפילה. עס זענען געווען בחורים וואס זענען אים דערגאנגען די יארן פארן זיין אזא פרומער.

דער באר מנחם, וועלכער איז געווען ווי א פעטער פארן רבי'ן, פלעגט אים בארוהיגן ווען ער האט מיטגעהאלטן א פאל וואס מען האט אים געטשעפעט, און ער פלעגט זאגן פארן רבי'ן: "זאלסט זיי אזוי לאנג ליב האבן ביז זיי וועלן דיך ליב האבן."

## מה מקוה מטהר

איך האב געהערט פון הר"ר אברהם מנחם ארנשטיין ע"ה פון מאנטריאל, וועלכער איז געווען אינאיינעם מיט רביה"ק זי"ע אין לאגער. ער האט כסדר געזען ווי דער רבי לעכצט און קוקט ארויס צו האבן די מעגליכקייט צו כאפן א טבילה אין א מקוה.

איין טאג איז דער רבי געקומען צו מיר און צו מיין חבר, און דערציילט אז ער האט באמערקט א געוויסן ווינקל וואס איז אנגעפילט מיט רעגן וואסער. ער האט געבעטן אז מיר זאלן אים צובינדן מיט א שטריק, ווייל עס איז געווען א סכנה דארט אריינצוגיין, און דערנאך זאלן מיר אים העלפן ארויסשלעפן.

דאס וואסער איז געווען שמוציג און אומאיינגענעם, אבער דאס איז נישט געווען קיין אפהאלט פאר א טבילה; דער רבי האט זיך אזוי מחיה געווען אז ער האט געהאט די זכיה זיך מטהר צו זיין אין א מקוה.

ר' אברהם מנחם האט זיך אויסגעדריקט פאר מיר: "ער האט זיך זייער שיין אויפגעפירט אין לאגער; אפילו אין לאגער האט ער זיך אויפגעפירט ווי א צדיק."

## לבן שנים מחלב

איך האב געהערט פון מיין קרוב, הר"ר שלמה שטיינבערגער ע"ה, וועלכער איז געווען אין לאגער אינאיינעם מיט'ן רבי'ן. ער האט געהאט די זכיה צו גיין שאפן מילך וואס ער האט אליין צוגעזען וויאזוי מען מעלקט עס, און דאס פלעגט ער ברענגען פארן רבי'ן צו טרינקען; דאס איז געווען די איינציגסטע זאך וואס דער רבי האט אריינגענומען אין מויל. א טאג וואס ער האט דאס נישט געקענט ברענגען, איז גארנישט אריין אינעם רבי'נס מויל.

אויך האט ער דערציילט, אז ער מיט זיינע חברים פלעגן בעטן דעם רבי'ן אז ער זאל זיי איבערגעבן זיין שווערע ארבעט, כדי ער זאל קענען דאווענען מיט א רואיגקייט און אפרעכטן די עבודת הקודש.

## זאל שוין זיין די גאולה

איך האב געהערט פון מיין עלטער-פעטער, הרה"צ רבי 'טובי' ליבערמאן ז"ל, מח"ס טובים מאורות וועלכער האט געדינט אלס רב אין דער שטאט האליין און שפעטער אין בראזיל. ער איז געווען אינאיינעם מיט רביה"ק זי"ע אין לאגער, און זייער ארבעט איז געווען ארויפצולאדן פארשידענע שווערע פעקלעך אויף די וועגן וואס זענען געפירט געווארן ווייטער.

עס איז אמאל געווען ווען זיי האבן פרובירט זיך מחזק צו זיין אין זייער שווערן מצב, האט איינער אנגעהויבן זינגען דעם ניגון "זאל שוין זיין די גאולה, משיח זאל שוין קומען", און יעדער האט מיטגעזונגען.

דעם דייטשן גענעראל האט זיך געדאכט אז זיי זאגן געוויסע ווערטער אויף אונגאריש וואס מיינען אז מען זאל זיך צויאגן מיט דער ארבעט, און ער האט זיי מיט כעס אנגעהויבן צו שמייסן,

אויב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועכ"י
אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן
ביטע לאזט א מעסידש אויף קול איחוד טאהש
718-451-8674 און דרוקט 842

מורא האבנדיג אז דאס זענען שפּיאנאזש קאודס אדער אז זיי פּלאנען דורכצופירן סאבאטאזש. ווען ער האט זיי געשמיסן, האבן זיי זיך געוואלט מחזק זיין און האבן געזינגען נאך שנעלער און שטערקער, וואס האט נאכגעפאלגט מיט נאך קלעפּ. אויך האט זיך רבי טובי' אויסגעדריקט: "דער טאהשער רבי האט זיך אויפגעפירט אין לאגער ווי א קדוש".

ווען מיין טאטע איז געקומען דאס ערשטע מאל קיין טאהש אינאיינעם מיט מיין ברודער להבחל"ח משה לייב ע"ה, וואס איז דעמאלטס געקומען לערנען אין דער ישיבה, האט דער רבי ארויסגעוויזן א שטארקע אהבה און הערצה צו מיין טאטן, ווייל דער רבי האט געהאט א געשמאק אין תלמידי חכמים און בעלי מספר. דער רבי האט אים געבעטן ער זאל דערציילן מעשיות, און בתוך הדברים האט מיין טאטע געפרעגט דעם רבי'ן אויב ער געדענקט יענע מעשה. האט דער רבי געזאגט: "וואס הייסט צי איך געדענק? איך שפּיר דאס נאך אין מיינע ביינער".

## בקירוב קדושים

איך האב געהאט די זכיה צו זיין א נעפיו פונעם רבי'ן זי"ע.

דער רבי זי"ע איז געווען א איידעם ביי הגה"ח ר' יודא'לע וויינגארטן ז"ל און זיין שוויגער מרת מינדל ע"ה. זי האט געצויגן א זעלטענע יוחסין, זייענדיג דריי מאל א אייניקל פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל. ר' יודא'לע איז געווען א איש מורם מעם אויף א אויסטערלישע מדריגה; עס האט אים גארנישט פאראינטערעסירט חוץ פון 'אמן יהא שמיא רבה', און ער פלעגט שטענדיג שלאפן אויף א בלויזע האלץ. זיין שטוב איז געווען פארשווארצט פון די פילע ליכט וואס ער פלעגט צינדן, א עבודה וואס מ'האט אויך געזען ביי רביה"ק זי"ע, וועלכער פלעגט צינדן פילע ליכט פארן דאווענען און דערביי געשעפּשעט פארשידענע תפילות ובקשות.

איין מאל האט אויסגעבראכן א שריפה אין זיין שטוב, וואו זיין "סידור רבי שבתי" איז פארכאפּט געווארן אין די פלאמען. שפּעטער האט ער באמערקט אז כאטש די גאנצע סידור ארום איז פארברענט געווארן, זענען די ווערטער אליין געבליבן גאנץ.

איך האב געהערט פון איינעם פון ר' יודא'לעס קרובים, אז ער האט אמאל פאר יום טוב געוואלט איבערלאזן אביסל געלט אין שטוב פאר די הוצאות החג. האט זיין רעבעצין געזאגט: "אויב דו ווילסט עס זאל בלייבן, געב עס נישט פאר יודא'לע, ווייל ער וועט עס גלייך צוטיילן פאר ארימעלייט; געב עס פאר מיר, דעמאלטס וועט עס אנקומען אין טאפּ".

איינער האט איר אמאל געפרעגט וואו אירע מעבל זענען, האט זי געענטפערט: "אין מעבל מיינע איז דער טאהשער רבי, און דאס צווייטע איז מיין איידעם ר' ליפּא." די גרויסע דחקות האט איר גארנישט געארט, וויבאלד זי האט שטאלצירט מיט אירע גרויסע איידעמער.

## שמע בני מוסר אביך

ווען איך האב געלערנט אין ישיבה, האב איך געשפּירט אז משום איזה סיבה וועט נישט זיין קיין תועלת אויב איך וועל לערנען ביי א געוויסן מגיד שיעור, און איך האב שטארק געוואלט איבערהיפּן יענע כיתה.

דאס קומענדיגע מאל וואס מיין טאטע איז געווען אין טאהש, איז ער אריין צום רבי'ן מיט מיר און געזאגט אז ער האלט אז עס וועט נישט זיין קיין תועלת צו לערנען ביי א מגיד שיעור וואס מ'האט נישט ליב, ווייל מ'וועט גארנישט קענען מקבל זיין.

דער רבי האט זיך אויסגעדרייט און מיר געוויזן אז איך זאל ברענגען א ספר פון שאנק. מיט א שרעק בין איך געגאנגען און געזוכט וואס דער רבי וויל, ביז ער האט מיר אנגעוויזן אויפן ספר הקדוש "נתיב מצותיך" מרביה"ק מהרי"א מקאמארנא זי"ע. דער רבי האט מיר געוואלט לערנען א לעקציע אין דרך ארץ און הכנעה, איך זאל זען אז איך בין גארנישט, און פארשטיין אז עס פאדערט זיך הכנעה צו א מגיד שיעור.

דער רבי האט אויפגעמישט צו א באקאנט שטיקל אין נתיב האמונה שביל א' אות ד', וואו ער שרייבט: "אויב איינער איז מקבל באהבה וואס איינער זאגט אים אריין און ער ווערט נישט אויפגערעגט, איז דאס מער פון אלף אלפי אלפים סיגופים ותעניתים".

די לשון דארט איז: "מי שמאמין שאין שום תנועה במקרה , הוא (אמונה זאת) מרפא לנפש מכל תחלואיו - כולל כל מידות טובות, לאהוב את חברו אף שעושה לו רעות ומבזה אותו, כי אין שום מקרה בעולם אף דיבור קטן. ובדין שמים נעשה זה שלוחו של מקום לבזות אותו ולחרף אותו וכו', צא ובדוק נפשך, ותמצא שבלתי גזירות עליון אי אפשר ששום נברא יצער אותו אפילו צער קטן, ולכן יקבל באהבה ובחיבה ובשמחה , ויתרפא נפשך יותר ממאה אלף אלפים תעניות וסיגופים".

דער רבי האט מיר געזאגט מיט א ליבליכן אבער שטייפן טאן: "דו הערסט וואס עס שטייט? דו זאלסט מקבל זיין וואס מ'רעדט צו דיר".

דערביי האט ער דערציילט, אז עס איז אמאל געקומען א גבר אלים צו רבי ישראל סאלאנטער זי"ע און געזאגט אז ער וויל מען זאל פסק'ענען לטובתו. ער האט געסטראשעט: "אויב דער רבי וועט נישט פסק'ענען אז איך בין גערעכט, וועל איך אויסהאקן די רבי'ס שויבן פון די פענסטער". האט רבי ישראל סאלאנטער געענטפערט: "דו מיינסט איך וועל שטיל בלייבן?", יענער איז גלייך געווארן דערשראקן, האט רבי ישראל סאלאנטער אויסגעפירט "איך וועל רופן איינעם ער זאל דאס קומען פארריכטן!".

ער האט ווייטער דערציילט, אז די צוויי הייליגע ברידער, דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא זי"ע, זענען אמאל געגאנגען אינאיינעם אויפן וועג, און אינמיטן זענען זיי אנגעקומען צו א בלאטע. האט דער ר"ר אלימלך געזאגט: "זושא, איך וועל זיך אראפּליגן, כדי דו זאלסט קענען אריבערגיין און נישט ווערן שמוציג". האט דער ר"ר זושא געזאגט: "ניין אלימלך, פארקערט, איך וועל זיך אראפּלייגן און דו וועסט אריבערגיין אויף מיר, כדי דו זאלסט נישט ווערן שמוציג". האט דער רבי אויסגעפירט: "דו הערסט וואס א ביטול דאס איז? דאס הייסט זיך מבטל זיין".

דער רבי האט באלד באמערקט אז עס

קומען טרערן פון מיינע אויגן, האט ער באלד געגעבן א ליבליכן גלעט און געזאגט: "דו ביסט א וואוילער בחור; מען דארף נאר קענען מקבל זיין, ווייל א בעל גאוה קען נישט מקבל זיין".

## עיניך רואות את מוריך

עס איז אמאל געווען שביעי של פסח אינדערפרי, איך בין געווען ביים רבי'ן אויף יום טוב, און עס האט זיך אויסגעשטעלט אז עס איז נישט געווען קיין גרויסער ציבור געסט; דער ארטיגער עולם איז בעיקר געקומען ביינאכט, אבער אינדערפרי איז געווען ליידיגער.

דער רבי האט אפגעראכטן די סעודה אינאיינעם מיט די בחורים אין די אלטע סוכה, ווען יעדער איז געזעסן ארום דעם טיש. קיינער האט זיך נישט געוואלט זעצן גלייך נעבן רבי'ן צוליב די אימה ויראה, ביז איינער האט מיר אהינגעפירט ווייל איך בין געווען א רבי'ש קינד. עס איז נישט מעגליך צו שילדערן דעם פחד וואס איך האב געהאט אפילו נאר אויפצוהייבן די אויגן נעבן רבי'ן, ווייל איך האב זיך שוין איבערצייגט אז דער רבי זעט און פארשטייט אלעס וואס די ארומיגע טוען.

## די געלט פון שיך

מיין טאטע ע"ה איז אלע יארן געווען א איד וואס האט עוסק געווען בתורה; ער האט געלערנט מיט בחורים, וואס דאס האט אים געברענגט אביסל געלט.

ווען עס איז געקומען די צייט חתונה צו מאכן, איז נישט געווען פון וואו צו נעמען דאס געלט. האט מיין ברודער להבחל"ח משה לייב ע"ה געמאכט אן אקציע אין טאהשער שטעטל, און עס זענען אריינגעקומען גאר שיינע סכומים.

דערנאך איז מיין טאטע אריין צום רבי'ן, און דער רבי פלעגט אים בדרך כלל געבן א גאר שיינעם סכום. איינמאל האט דער רבי געוואלט געבן א גרעסערן סכום פאר מיין טאטן, אבער ער האט נישט געוואלט אז די גבאים זאלן עס זען. האט ער אינמיטן אויסגעטון זיין שיך, און פון דארט ארויסגעשלעפט א סכום געלט וואס ער האט איבערגעגעבן פאר מיין טאטן.

## הרהורי תשובה ביים משתה היין

איך האב געהאט א חבר אין ישיבה וואס איז אריבער גאר שוואכע צייטן. עס איז אמאל געווען פורים ביי משתה היין, דער חבר איז געשטאנען נעבן מיר אויף די פארענטשעס, און זייענדיג שיכור האט ער געוויינט צו מיר מיט בכיות עצומות אז ער וויל תשובה טון; ער האט חרטה אויף אלעס און ער וועט מער נישט טון וואס ער האט געטון ביז איצט.

געוויינליך פלעגט דער רבי זיין זייער ערנסט ביים טיש און איז געזעסן אנגעלאנט, ווען פון צייט צו צייט האט ער אביסל געשאקלט מיט די הענט און געבליקט. אבער ווי נאר מיין חבר זאגט מיר די ווערטער, האט זיך דער רבי אויסגעדרייט, אויפגעהויבן די הייליגע אויגן און אריינגעקוקט גלייך אין זיין פנים.

מיין חבר זאגט מיר גלייך: "קוק, דער רבי שפירט אז איך וויל תשובה טון, ער קוקט מיר אריין אין פנים און וואשט מיר אויס." יענער האט זיך טאקע צוריקגעכאפט און אויפגעשטעלט א שיינע שטוב.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.



איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.


## 5 חתנים פון מוצש"ק זכור ביז שביעי של פסח!

א גוטן, דא רעדט א בחור וואס האט די זכי' צו לערנען דא בצל הקודש אין ישיבתינו הק' ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש. איך האב געוואלט בעטן די מערכת מען זאל אריינלייגן מיין מעסידש אין די גליון.

יעדע יאר שבת זכור, איז דאך באקאנט אונזער מנהג אז מען נעמט אויף פורים רבנים, סיי פון ישיבה גדולה און סיי פון ישיבה קטנה און ישיבה מכינה, וואס פראווענען במשך דעם שבת זכור, און יו"ט פורים. צווישן אנדערע איז אויך איינגעפירט אז דער פורים רב פון ישיבה גדולה גייט אריין אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן רבינו שליט"א לברך ולהתברך, פארן הייליגן יו"ט פורים.

איז דאס יאר אויך אזוי געווען, מוצש"ק זכור איז דער פורים רב פון ישיבה גדולה, הבה"ח אברהם ב"ר יצחק שלמה בראדי ני"ו, אריין צו רבינו שליט"א, און עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, און צווישן אנדערע האט דער פורים רב געבעטן, אז ס'גייט לעצטנס זייער שווער שידוכים אין ישיבה גדולה, און ער וויל צוזאגן אז ס'וועט זיין פינף חתנים ביז שביעי של פסח, און ער וויל דער רבי זאל זיין א ערב. קודם האט דער רבי געענטפערט אז דער פורים רב האט אליין אויך א כח, למעשה האט דער פורים רב געפרעגט אויב מען זאל זיך עפעס אונטערנעמען וואס קען מען זיך אונטערנעמען אז ס'זאל זיין פינף חתנים ביז שביעי של פסח, האט דער רבי געענטפערט מען זאל זיך אונטערנעמען דאס מויל, האט דער פורים רב געפרעגט וואס מיינט דאס, וואסערע קבלה זאל מען מאכן, האט דער רבי געענטפערט צוויי זאכן, איינס מען זאל רעדן אידיש, צווייטנס מען זאל רעדן צום אייבערשטן, דערנאך איז די שמועס געגאנגען ווייטער.

שפעטער האט דער פורים רב געפירט א מלוה מלכה פאר די בחורים, האט ער געזאגט דארט אז אזוי ווי ס'איז זייער א כלליות'דיגע זאך די קבלה פון זיך היטן דאס מויל, זאל מען דאס אריינלייגן אין א פרטיות'דיגע זאך, און יעדער זאל זיך אונטערנעמען צו לערנען 5 מינוט יעדן טאג ספה"ק חפץ חיים ושמירת הלשון פאר 40 טעג, וואס קומט אויס ביז בערך שביעי של פסח, מיט א חברותא. און אלע בחורים האבן זיך טאקע דאס אונטערגענומען און אונטערגעשריבן אויף א צעטל.

שפעטער איז מען ארויף צום ציון הקודש אינאיינעם מיטן רבי'ן זאל זיין געזונט, און נאך תהלים האט דער פורים רב איבערגעגעבן די צעטל פארן רבי'ן, און דער רבי האט זייער שטארק הנאה געהאט אז מען האט עס גענומען ערנסט און אנגעוואונטשן ברכות קדשו אז עס זאל טאקע מקוים ווערן.

און ב"ה ברכת צדיק עשתה רושם, די ישועות האבן נישט געשפעטיגט צו קומען. יענע זונטאג נאכמיטאג איז געווארן די ערשטע חתן אין ישיבה, הבה"ח יעקב חיים סג"ל טירנויער ני"ו, בן הרה"ג ר' בערל שליט"א מנהל ישיבה קטנה. דאנערשטאג ויקה"פ ביינאכט איז געווארן די צווייטע חתן, הבה"ח אלימלך סג"ל קרויס ני"ו ב"ר יצחק אייזיק שלום הי"ו. מאנטאג פר' צו ביינאכט איז געווארן די דריטע חתן, דאס מאל א אייניקל פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, הבה"ח הרב אהרן ארי' גינזבורג שליט"א, בן הגה"צ רבי מרדכי אברהם שליט"א חדב"ן. עש"ק צו נאכמיטאג איז געווארן די פערדע חתן הבה"ח יואל בינער ני"ו ב"ר אברהם יושע הי"ו, און דעם מאנטאג שמיני א' איז געווארן די פיפטע חתן פון ישיבה גדולה הבה"ח יעקב מאיר האלפערין ני"ו ב"ר שאול יחזקאל הי"ו.

שטייענדיג אין יו"ט פסח איז דאך טאקע די צייט פאסיג זיך צו מחזק זיין אין אמונה, אמונה בה' און אמונת צדיקים, ויאמינו בה' ובמשה עבדו. אזוי אויך שטייט דאך קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף, זאל דער אייבערשטער העלפן אז כן ירבו, די קייט פון שמחות זאל ווייטער אנהאלטן, און מיר זאלן זוכה זיין ווייטער זיך צו האלטן שטארק מיט די ריכטיגע אמונת צדיקים, און בזכות זה זוכה זיין צו פועל'ן אלעס גוטס בצל קדשו פון עטרת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א עד ביאת הגואל במהרה אמן.

יישר כח

ניַיעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

# במקהלות

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:
ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:

**ואת הלחץ זו הדחק:**

## פארגרעסערטע אנפראגע זיך איינצושרייבן בישיבותינו הקדושות אין ניו יארק ברענגט צום אויבערפלאך די שטארקע געברויך פון באלדיגע הרחבת גבולי הקדושה

שטייענדיג אין די טעג פארן יו"ט פסח, זעענדיג די שטארק פארגרעסערטע אנפראגע פון בחורים מצוינים וועלכע ווילן ווערן אנגענומען אין "ישיבה גדולה", און אין "ישיבה קטנה", וועלכע זענען נתייסד געווארן דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, און האט ב"ה קונה שם געווען אלץ זעלטענע שטארקע מקומות תורה ועבודה, האט געצווינגען די הנהלת הישיבות צו נעמען באלדיגע שריט, און מטכס עצה צו זיין, וויאזוי מ'זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש אומגעשטערט.

ביי א אסיפה דחופה דעם זונטאג העעל"ט האט מען אנאלאזירט עטליכע פאטענציאלע אפציעס וועלכע ווען זיין פאסיג לתועלת התלמידים

באלד נאך יו"ט וועט מען בהתייעצות כ"ק מרן רבינו שליט"א אויסקלארן אויף וועלכע מהלך מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה, ס'זאל מעגליך זיין דאס אננעמען די ריבוי התלמידים הגונים אויף דעם קומענדיגן שנת הלימודים תשפ"ז, וועלכע ווילן לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו, ביתר שאת וביתר עוז.

**כן ירבה וכן יפרוץ.**

בית חינוך לבנות בנות חוה - מאנסי:

## ועל בשורה טובה מברך ברוך הטוב והמטיב

מיט גרויס שמחה און עקסטאז נעמען אויף תלמידי וחסידי טאהש ובפרט אנשי שלומינו תושבי מאנסי די פריידיגע בשורה אז בברכתו ובעידודו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועט זיך בעזרת השם יתברך עפענען די טויער'ן פונעם בית חינוך לבנות בנות חוה ד'טאהש און מאנסי, צום קומענדיגן שנת הלימודים חודש אלול הבעל"ט.

דאס קומט נאך וואכן און חדשים וואס די געטרייע הנהלת המוסדות ובראשם דער העלדישן מנכ"ל המוסדות העסקן הרב שלמה גרינבוים שליט"א האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו קענען אנקומען צו אט די גליקליכע מינוט פון עפענען די בית חינוך לבנות אין שטאט מאנסי.

די "**בית חינוך לבנות בנות חוה ד'טאהש**" וועט בעזרת השם יתברך זיין נאך א קייט צו די הייליגע תורה אימפעריע דקהילתינו הקדושה

און שטאט מאנסי, און וועט געפירט ווערן לויט אלע הדרכות קודש פון אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, און ווי עס פאדערט ווייטער בנו חביבו ויקירו וממשיך דרכו בקודש הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א. אט אויף די הייליגע דרך וועט בעזר השם יתברך געפירט ווערן די הייליגע בית חינוך לבנות. עס איז צום האפן אז עס זאל ארויסקומען די ריכטיגע תכלית דערפון, און די חשוב'ע תלמידות זאלן וואקסן און שטייגן אויפן הייליגן דרך המסורה.

די בית חינוך לבנות 'בנות חוה' בפקודת קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא המוסדות וועט גערופן ווערן אויף'ן נאמען פונעם וויעכגעשעצטן הרבנית הצדיקת ע"ה מחברתו הטהורה פון רביה"ק זי"ע. און בראש פונעם בית חינוך וועט בעזר השם יתברך שטיין הרבנית הצדיקת תליט"א אשת הגה"צ אב"ד דקהלתינו הק' מאנסי שליט"א, ראש וועד הרוחני דמוסדותינו הקדושים. עס איז צום האפן אז עס זאל ארויסקומען די ריכטיגע כבוד שמים דערפון און עס זאל זיין א נייחא לנשמתא פאר רבינו הקדוש זי"ע בעולם העליון.

די היסטארישע דערגרייכונג פון עפענען די בית חינוך קומט נאך די פראזענטליכע בקשה פון די חשובע עלטערן וואס האבן שוין די זכי' צו נהנה זיין פונעם הייליג'ן טאהש'ע מוסדות און מאנסי. מיטן שיקן די לעכטיגע קינדער און די הייליגע תלמוד תורה עבודת משולם פייש. וואס ברוך השם מען זעהט מיט די פליישיגע אויגן וויאזוי די לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע. און זענען געקומען בעטן ביי די געטרייע הנהלת המוסדות וואס רוען נישט קיין מינוט און פראבירן מיט אלע כוחות צו צופרידן שטעלן די חשובע שותפים די חשובע הורי המוסדות. אז פארוואס זאלן נישט זייערע טעכטער קענען לערנען אין אזא חשוב'ע און הייליגע מוסדות ווי מען געבט זיך אזוי ווארעם אפ מיט די לעכטיגע קינדער. דערפאר איז באשלאסן געווארן בברכתו ובעידודו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א צו עפענען די בית חינוך אז די לעכטיגע תלמידות זאלן קענען וואקסן און שטייגן אויפן הייליגן דרך המסורה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע.

אצינד זיצט מען און די יעצטיגע טעג און מען ארבעט אויס די דעטאלן אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב, און עס איז צום האפן אז מען זאל זוכה זיין צו זעהן מיט די אויגן אז עוד יוסף חי, רבינו הקדוש איז נאך דא מיט אונז און מיר זעען ווי די לעכטיגע קינדערלעך 'הבנים והבנות' שטייגן און וואקסן אין זיינע הייליגע דרכים.

קרית טאהש:

## שטארקע אויפוואכונג אין קריתינו הק' איבער

## נוצן כלים נאר מיטן ועד הקהילות הכשר

אין די לעצטערע תקופה הערשט א שטארקע התעוררות ביים היימישן ציבור תלמידי וחסידי רבינו הקדוש זי"ע ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א תושבי קריתינו הקדושה, נאכדעם וואס אין די וועלט איז אין די לעצטע תקופה ליידער דא צו באקומען פילצאליגע מיני דעווייסעס און טעלעפאונ'ען, ולא הרי זה כהרי הזה, ווען געוויסע פון דעם ברענגן פארשידענע מכשולות, ותוצאותיו מי ישירנה, און דאס אלעס קומט צוליב דעם וואס עס איז נישטא קיין פארלעסליכע הכשר אויף די דעוויסעס, וואס מאכט זיכער אז די קאמפאניס קומען נאך די הוראות הרבנים.

דערפאר האבן זיך די גרעסערע קהילות קדושות אין ניו יארק זיך צאמגענומען, און מייסד געווען די "וועד הקהילות" וואס זאל זיין א הכשר פאראיין, און שטיין על המשמר פאר אלע ערליכע אידן וואס זיכן צו האבן כשר'ע אויסגעהאלטענע דעוויסעס, אן קיין שום מכשול.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז ארויסגעקומען א קריאת הקודש פון בית הוראה דקהלתינו הק', וואס פאדערט אויף אלע תושבי קריתינו הק', זאלן אויך זעהן זיך איינצוהאנדלען נאר כשר'ע טעלעפאון'ס און דעוויסעס מיטן הכשר פון "וועד הקהלות", אדער א פשוט'ע טעלעפאון מיטן הכשר פון "טעג - קרית טאהש".

פארגאנגענעם שב"ק פר' צו ביי די שבת הגדול דרשה האט הגאון הגדול דער דיין שליט"א גאר שטארק מעורר געווען איבער דעם ענין אז א יעדע 'טעלעפאון' אדער 'דעוויס' דארף האבן א הכשר, און דער דיין שליט"א האט מסביר געווען בתוך דבריו, אז אזוי ווי יעדער פארשטייט אז ביי א מאכל וואס א מענטש נעמט אריין אין מויל, דארף דאס האבן א 'גוטע הכשר', די זעלבע זאך דארף יעדע דעוויס האבן א 'גוטע הכשר', און פארשטייט זיך אז די הכשר פון וועד הקהילות איז די מערסטע פארלעסליכע הכשר, און במילא זאל מען זעהן צו האבן נאר אזעלכע טעלעפאונען.

ב"ה אז אין די יעצטיגע טעג זעהט זיך אן א שטארקע ווארימקייט צווישן ציבור היראים לדבר ה', וואס זיכן זיך איינצוהאנדלען נאר אזעלכע טעלעפאונ'ען און דעוויסעס, און גייען אריין צום טעג געשעפט צו לייגן א זיגל אויף די טעלעפאונ'ס. אזוי אויך ארבעטן די עסקנים אין די יעצטיגע טעג מיט פילע מהלכים צו אריינברענגן צווישן דעם ציבור נאר די כשר'ע ועד הקהילות טעלעפאונ'ען און דעוויסעס.

די וואך פר' שמיני א' האבן די עסקנים מקבל געווען ברכת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכע האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו און גאר ווארעם מחזק געווען די אלע פעולות לטובה בעניני טעכנעלאגיע, און דער רבי האט שטארק ארויסגעברענגט די שווערע נסיונות הזמן, און אז נאר דורכ'ן אויספאלגן די הוראות פון בית הוראה קען מען זיך האלטן און בס"ד אויפשטעלן בתים נאמנים

לה' ולתורתו, זייענדיג מחזק די עסקנים ווייטער ממשיך צו זיין ביתר שאת וביתר עוז.

**לשמור ולעשות ולקיים.**

תלמוד תורה עבודת משולם פייש - מאנסי:

# ומצדיקי הרבים ככוכבים - הערליכע סעודת ר"ח פאר מלמדי הת"ת לאזט איבער הויפענעס חיזוק

פאראנגענעם ליל ד' ויקרא ר"ח ניסן איז פארגעקומען א ערליכע סעודת ראש חודש ספעציעל געאייגענט פאר די חשוב'ע מלמדים דמוסדותינו. די מעמד איז פאר געקומען אין שטוב פון די געטרייע מנהל המוסדות העסקן מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו. די מעמד איז געווען געווידמעט אלץ הכרת הטוב פאר די מסירות נפש וואס די מלמדים געבן זיך איבער פאר יעדן קינד באזינדער א גאנץ יאר.

די מעמד איז געעפנט געווארן דורך הרב אברהם פוקס שליט"א מלמד מומחה בת"ת סקווירא ומו"ס וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע זכי' וואס די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש האבן און זיי זאלן ווייטער האבן די כוחות אנצוגיין ווייטער ביתר שאת ועז.

דערנאך האט מען געהערט דעם משא הערב דורכ'ן מומחה בשדה החינוך ומלמד מומחה רבות בשנים הרב יעקב יחזקי' גריבוים שליט"א דער טאטע פונעם געטרייען מנהל המוסדות. צום ערשט האט ער אנגעפאנגען מיט גאר שטארקע דברי חיזוק והתחזקות פאר די חשובע מלמדים. און דערנאך האט ער ארומגערעדט פון די חשיבות צו זיין א מלמד. און בעיקר די געוואלדיגע אחריות וואס ליגט אויף יעדעם מלמד אין אלע הינזיכטען.

דערנאך האט אויפגעטרעטן די געטרייע מנהל המוסדות. צום אלעם ערשט האט ער זיך באדאנקט פאר זייער שווערע ארבעט וואס אנערקענט זיך אויף טריט און שריט. און ארויסגעהייבן לשבח אז ווען מען זעהט די שווערע ארבעט מצד די הנהלה רוחני, דאס געבט די שטופ פאר די הנהלה גשמי' צו קענען אנגיין ווייטער להרבות פעלים לתורה. דערנאך האט ער ארומגערעדט אפאר וויכטיגע ענינים העומדים על הפרק, וואס איז זייער נוגע און די יעצטיגע טעג.

דערנאך האט מען פארטיילט אן הוספה אויף יום טוב פאר אלע עוסקים במלאכת הקודש און נאך, און אזוי אויך געגעבן א מזכרת זמירות לפסח עבודת עבודה. אלץ אן הכרת הטוב אויף די שווערע ארבעט וואס זיי לייגן אריין טאג טעגליך וואך וועכנטליך.

די מעמד האט זיך געשלאסן ווען אלע חשובע עוסקים במלאכת הקודש זענען זיך צוגאנגען איש על מחנהו. פיל מיט חיזוק אנצוגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש. עס איז צום האפן אז זיי זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש געזונטערהייט בזכות רבינו הקדוש וואס די הייליגע מוסדות איז נקראת על שמו.









לאור

# באור החיים



## א נעענטערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

### מוצלח'דיגע זמן פאריבער בין כותלי ישיבתינו הק' בסייעתא דשמיא

### צענדליגע בלעטער גמרא און סימני שולחן ערוך געלערנט און זיך פארהערט

### יום שכולו תורה אפגעראכטן געווארן דעם פארלאפענעם ערב ר"ח ניסן

### דערהויבענע סיום הזמן בראשות רבינו שליט"א וועלכע האט משמיע געווען דברות קודש ודברי הדרכה לרגל ימי בין הזמנים

## גאר מוצלח'דיגע זמן החורף פאריבער בין כותלי הישיבה בסייעתא דשמיא

בעזר אדון כל איז די זמן פאריבער מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא, ווי בין כותלי הישיבה האט מען אוסגענוצט יעדן טאג מיט א פרישע חיות והתעלות בתורה ועבודה וחסידות ע"ד הסלולה לנו.

במשך אלע סדרים האט מען קונה געווען פולע לימודים און מקצועות, ווי מען האט געלערנט עטליכע פרקים אין מסכת בבא בתרא, און עס איז פארגעקומען גרעסערע חזרות אויף יעדע לימוד באזונדער און מען האט זיך געשטעלט על כור המבחן בס"ד.

ביי די סדר אשמורת הבוקר האט מען אדורכגלערנט קרוב צו צוואנציג בלאט אין פרק גט פשוט, ווי סוף זמן האט מען גענומען א בחינה בכתב איף די לימודים, און עס האט זיך פון זיך אליינס אויסגעשריגן דעם אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו.

במשך דעם זמן האבן תלמידי שיעור א' און שיעור ב' דורכגעלערנט בעיון רב ביים סדר שיעור עיון די ערשטע ניין בלאט פונעם ערשטן פרק אין מסכת סוכה, ווי די חשוב'ע מגידי שיעורים האבן איבערגעגעבן זייערע טיפזיניגע שיעורים כדרכה של תורה מתובל מיט די ראשונים ואחרונים ביז די לעצטערע פסקי אחרונים. און די תלמידי שיעור ג' האבן געלערנט הל' טריפות, פון סימן כ"ט ביז סימן ל"ח, ווי מען האט געלערנט די הלכות מיט א קלארקייט אין די פרטים.

ביים סדר אחצ"ה האבן תלמידי שיעור א' און שיעור ב' געלערנט מיט א געוואלדיגע בהירות דריי און צוואנציג בלאט אין פרק יש נוחלין אין מסכת בבא בתרא, ווי מען האט געלערנט די סוגיות הגמ' מיט א ריתחא דאוריתא.

א ספעציעלע סדר לימוד גפ"ת אין מסכת סוכה איז געלערנט געווארן דורך די תלמידי שיעור ג', וואס האבן משך די פארלאפענעם זמן געענדיגט די גאנצע מסכת מהחל ועד כלה, ווען בראש פון די סדר הלימוד שטייט הרה"ג המנהל שליט"א, וועלכע איז געווען גרייט צו ענטפערן בלשון לימודיו די אלע לימודים אין די מסכת און צוגעשטעלט בחינות לתועלת התלמידים.

ביים סדר הערב האט מען ווייטער ממשיך געווען אין לימוד ההלכה, און געלערנט הלכות תערובות פון סימן צ"ח ביז סימן ק"ב, מיט א קלארקייט אין די דינים און א פארשטאנד אין די יסודות. אין די תלמידי שיעור ג' האבן געלערנט הלכות מליחה.

*

עקסטער זענען במשך די זמן געהערט געווארן רייכע דרשות התחזקות פון חשוב'ע אורחים ומשפיעים וועלכע האבן אויפגעטרעטן פאר די תלמידי הישיבה, אויף א רעגעלמעסיגע פארנעם קומט פאר 3 מאל א וואך א גאר רייכע שיעור מוסר והשקפה דורך הרה"ג המשפיע רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א, און אזוי אויך יעדע מוצאי שבת ביי די סעודת מלוה מלכה טרעטן אויף זקני החסידים מיט הערליכע סיפורים וזכרונות וזקניך ויאמרו לך.

אזוי אויך קומען פאר יעדע וואך שיעורי מוסר הקבועים דורך די חשוב'ע מגידי שיעורים פון נאכמיטאג וועלכע לערנען פאר ווארימע שיעורים בספה"ק ליקוטי אמרים תניא, און אזוי אויך יעדע ליל שישי קומען פאר ווארימע חבורות פאר אלע 3 כתות באזונדער ווי מען גרייט זיך צום שבת קודש בדברי תורה וזמירות שירות ותשבחות.

*

## דערהויבענע סיום הזמן געפראוועט געווארן בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא הישיבה

דעם פארלאפענעם דאנערשטאג, ערב ראש חודש ניסן, איז אין היכל הישיבה פארגעקומען א הערליכע און דערהויבענע מעמד "סיום הזמן" בראשות כ"ק רבינו שליט"א, ווי מיט דעם האט זיך געשלאסן דעם הצלחה'דיגן זמן החורף בין כותלי הישיבה.

מרן רבינו שליט"א איז ערשינען אין היכל הישיבה צו תפלת שחרית כוותיקין, צום עמוד איז צוגעגאנגען החתן אלימלך סג"ל קרויס ני"ו, און רבינו שליט"א איז צוגעגאנגען צו הלל מיט א געוואלדיגער התעוררות, אריינברענגענדיג א רוח של קדושה אין גאנצן היכל.

נאך תפלת שחרית איז פארגעקומען א ווארעמע מסיבת לחיים לכבוד סיום הזמן, מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, ניגוני שמחה לרגל השמחות השרויה במעונו הקודש, און נאך ניגוני תורה. דער חשוב'ער מנהל שליט"א האט איבערגעגעבן א ווארימע גרוס פאר כ"ק רבינו שליט"א, און ארויסגעברענגט די געוואלדיגע התמדת התורה פון די תלמידים, בפרט אין די לעצטע וואכן פונעם זמן און אין די באזונדערע נעכטיגע סדרי הלימוד בין עצי ההרים.

דערנאך האט מרן רבינו שליט"א אויפגעטרעטן מיט לענגערע דברות קודש, פול מיט הדרכה און חיזוק לקראת די ימי בין הזמנים. צווישן אנדערע האט דער רבי שטארק אונטערגעשטראכן די וויכטיקייט פון עבודת התפלה, דאווענען בזמן, קריאת שמע בזמנה, כיבוד אב ואם, מאכן די ריכטיגע הכנה לחג הפסח דורכ'ן לערנען די הלכות פונעם יו"ט און ספרי חסידות, און נאך יסודות'דיגע ענינים אין עבודת השם.

נאכ'ן מעמד זענען אלע תלמידים אריבער ביי מרן רבינו שליט"א זיך צו געזעגענען. דער רבי האט פארטיילט פאר יעדן תלמיד א ספעציעלע קארטעל צו אנצייכענען די שעות לימוד התורה במשך די ימי בין הזמנים, ווי אויך א קארטל מיט א אויסצוג פון ספר הקדוש "מנחת חינוך", וועלכן דער רבי' האט מעורר געווען צו לערנען און שטענדיג געדענקען, דעם פארלאפענעם מוצשב"ק בשלח.

*

## יום שכולו תורה אפגעראכטן געווארן די לעצטע טאג פונעם זמן מיט איבער 8 שעה לימוד התורה ברציפות

אין די לעצטע וואכן פונעם זמן האט זיך אין היכל הישיבה געשפירט א באזונדערע לופט פון שקידה והתמדה, ווען יעדע סדר איז אויסגענוצט געווארן ביזן לעצטן מינוט, און די לימודים אין מסכת בבא בתרא זענען איבערגע'חזר'ט געווארן מיט א קלארקייט שווימענדיג אינעם ים התלמוד.

אלס א השלמה צום זמן האט מען באשטימט דעם לעצטן טאג אלס א "יום שכולו תורה" - א טאג וואס איז געווען אינגאנצן געווידמעט בלויז צום לימוד התורה, ווען די פארלאפענע מיטוואך ויקה"פ האט מען געפראוועט די גאנצע טאג בין עצי ההרים, זייענדיג עוסק בלימוד החזרה.

מיטוואך פארטאגס אין די פריע שטונדן אום 51:6, נאך א ווארימע טבילה אין מקוה האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, אנקומענדיג ארום 00:7 אזייגער, האט מען זיך גלייך געזעצט צום סדר הלימוד פאר דריי שעה ברציפות, איבער'חזר'נדיג די בלעטער גמרא וואס מען האט געלערנט במשך הזמן, און צום סוף פון סדר האט מען זיך פארהערט ביי די מגידי שיעור.

דערנאך האט מען זיך צוגעגרייט צו תפלת שחרית. נאך אזא שטארקן סדר הלימוד איז דאס דאווענען געקומען מיט א טיפערן געפיל, ווען די תלמידים האבן ווארעם מתפלל געווען בעטנדיג אויף ווייטערדיגע הצלחה אין תורה און עבודה. נאכ'ן דאווענען איז צוגעשטעלט געווארן א נאראהאפטיגע פת שחרית, וואס האט געגעבן כח פארן ווייטערדיגן טאג.

נאכדעם האט אויפגעטרעטן דער חשוב'ער מגיד שיעור הרה"ג רבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, וועלכער האט ארויסגעברענגט די גרויסע כח פון חזרה, אז דער אמת'ער קנין התורה קומט דורך איבערחזר'ן די לימודים, און מזרז געווען אויסצונוצן יעדע מינוט פונעם טייערן זמן. און דאן האט מען זיך געזעצט לערנען פאר גאנצע 5 שעה ברציפות, ווי די קול תורה האט געדונערט אינעם היכל, און מען האט איבערגעחזר'ט אלע לימודים וועלכע מ'האט געלערנט משך די זמן בסדר שיעור פשוט, און סוף סדר האט מען גענומען די בחינות אויף די לימודים.

שפעטער נאך מנחה איז פארגעקומען אן אייגנארטיגער און תוכנ'רייכער פאנעל אונטערן נאמען "מעמד ישיבו בקול". אין דעם מעמד האבן די חשוב'ע מגידי שיעורים פארענטפערט שאלות בעניני עבודת השם, וועלכע די חשוב'ע מנהל שליט"א האט פאר-געפרעגט די שאלות וועלכע די בחורים האבן אריינגעגעבן פון פאראויס. די שאלות האבן ארומגענומען פילע וויכטיגע ענינים אין לעבן פון א חסידישע בחור פול מיט הדרכה פאר'ן לעבן.

די תלמידים זענען געזעסן קרוב צו צוויי שעה, שלינגענדיג יעדעס ווארט, און ארויסנעמענדיג יסודות'דיגע הדרכות יקרות וואס וועלן זיי באגלייטן ווייטער אין לעבן. עס איז געווען א זעלטענע געלעגנהייט צו הערן קלארע השקפות און הדרכות פון די חשוב'ע מגידי שיעורים. און אזוי האט זיך געענדיגט דער "יום שכולו תורה", א טאג וואס האט אין זיך צוזאמגענומען די גאנצע רוח פונעם זמן - תורה, התמדה, חיזוק און התעלות.

# מתוך דברות קודש

### אשר השמיע

# כ"ק מרן רבנו עט"ר שליט"א

### ראש חודש ניסן העעל"ט

### אצל מעמד סיום הזמן בהיכל ישיבתנו הק'

א גוט מארגן טייערע בחורים, איך טוה געבן א שבח והודאה פאר'ן אייבירשטן אז מ'קען זיצן אינאיינעם, איך האב זייער הנאה געהאט, פון אזא שטארקע דאווענען ראש חודש, ראש חודש ניסן, א גרויסע חודש.

און די משגיח שליט"א האט מיר דערציילט וואס עטס האטס געטון נעכטן, עס איז א זייער א גרויסע חשיבות, אז בחורים זיצן און לערנען א גאנצן זמן און הארעווען אויף תורה, ס'איז נישט קיין גרינגע זאך, א בחור לערנט און זיצט א גאנצן טאג און הארעוועט בעמלה של תורה, דאס איז א געוואלדיגע חשיבות. עס איז א חשיבות פאר'ן הייליג'ן צדיק אויבן, דער רבונו של עולם האט הנאה, מען בארימט זיך מיט ענק, אז בחורים יראים ושלמים זיצן און לערנען די הייליגע תורה.

*

עס שטייט די וואכעדיגע סדרה, מ'פאנגט אן 'ויקרא אל משה', די פאריגע וואכעדיגע סדרה, פרשת פקודי, האט מען אויפגעשטעלט דעם משכן, און מען זעהט ביי יעדע זאך אין פרשת פקודי שטייט 'כאשר צוה ה' את משה'.

ווערט געברענגט א משל, אז ס'איז געווען א מלך, ער האט געהייסן זיינע עבדים אז זיי זאלן אים בויען א פאלאץ, האבן זיי געבויעט א פאלאץ, די עבדים זענען געווען געטריי פאר'ן קעניג, האבן זיי אויפ'ן דאך ארויפגעשריבן דעם נאמען פונעם קעניג, די זעלבע ווען זיי האבן געמאכט די ווענט, האבן זיי אויך געשריבן דעם נאמען פונעם קעניג. און אזוי ווייטער איבעראל האבן זיי געשריבן דעם נאמען פונעם קעניג.

ווען די קעניג איז אריינגעקומען אינעם פאלאץ, האט ער זיך מורא'דיג געפריידט פאר די כבוד וואס זיינע עבדים האבן אים צוגעשטעלט, האט ער זיי געזאגט, איך וועל אריינקומען אין מיין פאלאץ אין מיינע עבדים וועלן זיין אנדרויסן? האט ער זיי אלע אריינגערופן. זאגט דער מדרש די זעלבע זאך האט דער רבונו של עולם געזאגט, עטס בויטס מיר אזא משכן 'כאשר צוה ה' את משה', דעמאלטס 'ויקרא אל משה', רוף איך ענק אלע צו מיר.

טייערע בחורים, עטס האטס ענק מוסר נפש געווען ברוך השם, מ'האט אפגעהארעוועט א זמן מיט תורה, עבודה, יראת שמים, מידות טובות, אלעס האט מען אריינגענומען אין זיך די געוואלדיגע כוחות, ענק לערנען אין די ישיבה על קברו פונעם הייליגן צדיק, און יעצט אז מ'גייט אהיים דארף מען האבן ווייטער סיעתא דשמיא.

בחורים גייען אהיים, מען גייט ארויס פון ישיבה, מ'האט געטון כאשר ציוה ה' את משה, און יעצט ווען מען גייט אריין אין ליל התקדש חג, מען גייט אריין צום הייליגן יום טוב פסח, בחורים האבן זיך צוגעגרייט א גאנצן זמן, זאל מען נישט פארגעסן מיטצונעמען ווייטער די תורה וואס מ'האט געלערנט דא, און ווייטער האבן אן עול התורה. **מ'האט געמאכט א ישיבה בין הזמנים, יעדער זאל האבן זיינע שיעורים וויפיל מען קען, און נאך מער ווי מ'קען, רבינו הקדוש פלעגט צו זאגן, וויפיל א מענטש קען איז קיין קונץ נישט, ווען מ'טוט מער ווי מ'קען, דאס איז א קונץ.**

**איך האב נאכגעזאגט ביי שלש סעודות, דאס וואס עס שטייט פון ספה"ק, 'כי נר מצוה ותורה אור', א מצוה איז ווי א ליכטל וואס ברענט, א ליכט אז עס האט נישט קיין וואקס ברענט עס נישט, די זעלבע אז מ'וויל האבן א ברען אין א מצוה דארף מען לערנען די הייליגע תורה, כי נר מצוה ותורה אור.**

**איז פארשטייט זיך, מ'האט זיך אנגעגרייט אזויפיל חדשים און געהארעוועט אין א קאלטן ווינטער אין א שטעטל וואו מ'האט נישט געזען די גאסן, מ'גייט ארויס, מ'דארף האבן אסאך סיעתא דשמיא, זאל מען זען, מ'גייט אהיים, די ישיבה בין הזמנים איז אזויפיל, אז מען זאל לערנען, ווייל אז מ'לערנט דעמאלטס קען מען אנדערש מקבל זיין דעם יום טוב.**

מען זאל זעהן צו לערנען די מסכתא פונעם יו"ט, מסכת פסחים, אדער כאטשיג שולחן ערוך הרב, ווייל אז מ'לערנט די ענינים פון פסח, מ'ווייסט די הלכה, מ'ווייסט וואס מ'טוט דארט, דאס ברענגט אריין א חיות אין די מצות, פסח, מצה, און אלעס ארום.

**ווער רעדט פון תפלה, תפלה אין חודש ניסן, איז נאכמער ווי א גאנצע יאר, עס ווערט געברענגט פון צדיקים אז יעדן טאג אין חודש ניסן ווען מ'ליינט די קרבנות הנשיאים ווייזט יעדן טאג פאר א אנדערע חודש, איז די תפילות פון די חודש אזוי גרויס ווי א גאנץ יאר, זאל מען יעדן טאג צו דאווענען ערליך, דאווענען בזמן.**

**און ווייטער זאל מען זעהן צו האבן א הייליג מויל, רעדן שיין, מידות טובות איינער דעם אנדערן. איך גיי אסאך מאל ארום אין ביהמ"ד, און איך הער, ווי בחורים רעדן, מ'דארף זעהן צו רעדן איידל.**

**די גמרא זאגט אין מסכת פסחים 'אור לארבעה עשר בודקין את החמץ', פרעגט די גמרא, אז 'אור' מיינט דאך בייטאג, פארוואס שטייט 'אור', עס וואלט געדארפט שטיין 'ליל', נאר זאגט די גמרא אז 'אור לארבעה עשר' איז לישנא מעליא, עס איז א שיינע לשון, פס"ח איז דאך פ"ה ס"ח, ווען דער מויל רעדט צום אייבערשטן דארף עס זיין אן איידעלע מויל. זאל מען זעהן צו רעדן איידל, און אזוי קען מען ריכטיג דאווענען און לויבן צום אייבירשטן.**

**פארשטייט זיך, מ'גייט אהיים, דארף מען די עלטערן די גרעסטע כבוד געבן, די גרעסטע כבוד. מ'דארף געבן כבוד פאר די טאטע, פאר די מאמע, פאר די שוועסטער, פאר די ברידער. עס הייבט אויף ענקער כבוד, און נאכדעם באגלייט עס ענק. און ווער רעדט נאך ווען מ'רעדט פון די מגידי שיעורים, ווען מ'זעגנט זיך, די מגידי שיעורים האבן זיך אוועקגעגעבן א גאנצע זמן פאר ענק.**

זאל דער אייבישטער העלפן, יעדער אינער זאל האבן הצלחה, מאכן די ריכטיגע הכנה צום יו"ט, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# בהיכל הישיבה

א בליק
אינעם תורה פעסטונג
**ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש**
**ד'טאהש**
ניו יארק יע"א

## העכסט ערפאלגרייכע מוצלח'דיגע ערשטע זמן בהיכל "ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש" אריבער ב"ה מיט א אויסטערלישע הצלחה וסיעתא דשמיא למעלה מן המשוער

**סוף זמן חזרות האט געפלאקערט ביי אלע שיעורי הישיבה – פעסט איבערגע'חזר'ט די דריי סימנים וואס מ'האט געלערנט שו"ע הלכות בורר סימן שי"ט-ש"כ-שכ"א - שטארקע דגוש זיך צושטעלן צום פארהער אויף גאנץ פרק הזהב גפ"ת וואס מ'האט געלערנט ביי שיעור פשוט**

די לעצטע עטליכע וואכן פון זמן האט זיך אנגעזעהן א גאר שטארקע קול תורה, אזש ס'האט אויסגעזען ממש ווי אנהייב זמן, די בחורים זענען געזיצן און אריינגעהארעוועט דורכאויס אלע שיעורי הישיבה, זיך גרייטנדיג אויף די גרויסארטיגע בחינות אויף די לימודי הישיבה.

שיעור עיון האט מען פעסט אדורכגעלערנט פרק שנים אוחזין ממסכת בבא מציעא מיט די ראשונים ואחרונים, וואס מ'האט זיך געשטעלט על כור המבחן ביים מגי"ש הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א, וואו ס'איז געווען צום באוואונדערן ווי אזוי די בחורים ענטפערן אויף אלע שאלות בטוב טעם ודעת.

שולחן ערוך האט מען געלערנט דורכאויס די זמן די דריי וויכטיגע סימנים בהלכות שבת סימן שי"ט-ש"כ-שכ"א דורך דעם מגי"ש הגאון דומ"ץ קהלתינו הק' ק"י שליט"א, און מ'האט זיך געשטעלט על כור המבחן דורך בחינות בכתב אויף הלכות בורר הנחיצות.

שיעור פשוט האט מען געלערנט דורכאויס דעם זמן, פרק הזהב ממסכת בבא מציעא גפ"ת, דורך די מגי"ש הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו ריש מתיבתא קדישא שליט"א, מ'האט זיך עס פארהערט ביי הרה"צ המגי"ש שליט"א.

שיעור בקיאות האט מען געלערנט די פרקים השוכר את האומנין, השוכר את הפועלים, הבית והעליה, און די בחורים זענען געשטאנען צום פארהער דערויף.

## ביקור הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא אין ישיבה פארגאנגענעם מאנטאג ויקהל-פקודי העעל"ט

כ"ק רבינו שליט"א איז ערשינען בהיכל הישיבה צו תפלת מנחה בשעה 2:30 און מ'האט זיך גלייך געשטעלט דאווענען, צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח אלי' שטיין נ"ו ממצויני תלמידי ישיבתינו הק', ס'געווען א פייערדיגע תפלת מנחה.

נאך מנחה האט הרה"ג המנהל שליט"א איבערגעגעבן א גרוס פאר רבינו שליט"א פון די לימודים, און חזרות, וואו רבינו שליט"א האט גאר שטארק הנאה געהאט דערפון, און ארויסגעוויזן א קורת רוח. נאכדעם זענען אלע בחורים אריבער ביי רבינו שליט"א לברך ולהתברך באנפין נהירין, דערנאך האט מען ארויסבאגלייט רבינו שליט"א בשירה ובזמרה.

כי אורך ימים ושנות חיים.

# מסיבת לחיים לרגל הילולת הרה"ק מקאלוב זצוק"ל

דעם פארגאנגענעם דינסטאג פר' תצוה העעל"ט איז פארגעקומען א מסיבת לחיים רבתי לרגל הילולת הרה"ק מקאלוב זצ"ל וואו הרה"ג המנהל שליט"א האט מעלה געווען זכרונו הטהור און דערציילט עובדות וסיפורים.

# יומא דהילולא קדישא פון רביה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל אפגעראכטן מיט גרויס התרוממות

ביומדהל"ק נאך שחרית איז פארגעקומען א מסיבת לחיים רבתי לרגל ההילולא און הרה"ג המנהל שליט"א האט ארומגערעדט סיפורים וענינים מבעל הילולא.

פארנאכט'ס איז פארגעקומען א סעודת הילולא קדישא בראשות נכדו הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא, וואו ער האט מעלה געווען זכרונו הקדוש, און ממשיך געווען די סעודה לליל כ"ב לרגל הילולת זקינו הרה"ק בעל בית יצחק מסוואליעוו זצוק"ל.

# ערליכער מעמד בחינה רבתי וסעודת ראש חודש ניסן צום סיום הזמן העעל"ט

כדי צוצוענדיגן דעם זמן מיט הזורעים בדמעה ברנה יקצורו איז דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג ראש חודש ניסן העעל"ט פארגעקומען א געהויבענע יום שכולו תורה, וואו עס זענען פארהערט געווארן אלע שיעורי ישיבה פונעם זמן החורף, דורך הגאון המגיד המפורסם פה מפיק מרגליות ר' שלום שרגא פייש פפלאנאש שליט"א וואס איז באקאנט מיט זיין באוואוסטע לשון לימודים. ס'האט זיך גאר שטארק אנגעזעהן די התמדת התורה פון די חשובע בחורים, צוזעהנדיג ווי די בחורים ענטפערן אויף אלע שאלות בטוב טעם ודעת.

נאכ'ן בחינה רבתי איז פארגעקומען א סעודת ראש חודש בראשות די רמ"י ומרביצי תורה שליט"א און דער חשובער גאסט שליט"א, וואו הרה"ג ר' שלום שרגא פייש שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א אינהאלטסרייכע וואונדערבארע דרשה, מתובל מיט די עניני שיעורי הישיבה.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

# הכנה ליום טוב חבורות אפגעצייכנט מיט א שטארקע תועלת

נאך די געוואלדיגע הצלחה פון די חבורה פון פאר פורים וואו די בחורי הישיבה האבן געלערנט הלכות פורים, האט מען עס פארגעזעצט אויף פאר יום טוב פסח הבעל"ט, וואו מ'לערנט די הלכות החג שולחן ערוך הרב. עס איז ארויסגעקומען א ספעציעלע קונטרס שולחן ערוך הרב כדי יעדער זאל קענען לערנען אין א באקוועמע פארמאט.

# די שבתים געפראוועט בין כותלי הישיבה

די וועכענטליכע שבתים אין ישיבה ווערן געפראוועט אויף א גאר דערהויבענעם פארנעם בשבת אחים גם יחד, צו די שטארקע הנאה, תועלת און צופרידענהייט פון די חשובע בחורים.

פרשת תרומה האט געוויילט אויף שב"ק הרה"ג ר' ברוך שטערן שליט"א אב"ד מירון מאנסי וואס האט געפראוועט דעם שבת בהתרגשות.

סעודת מלוה מלכא איז געפראוועט געווארן דורך הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א ר"מ במכינה לישיבה בקריתינו הק', וואס האט מאריך געווען בדברי הכנה לפורים, און רייך געשילדערט עבודתו בקודש פון רביה"ק זי"ע.

מוצאי שבת פר' תצוה - זכור האט מען געפראוועט א שיינע סעודת מלוה מלכה אין שטוב פונעם דיין ור"מ בישיבתינו שליט"א.

פרשת ויקהל פקודי-החודש האט געוויילט אויף שב"ק הגאון דומ"ץ דקהילתינו הק' ק"י ור"מ בישיבתינו הק' שליט"א וואס האט געפראוועט דעם שב"ק מיט א גרויס התרוממות.

סעודת מלוה מלכא דורך הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק', וועלכער האט דערציילט סיפורי צדיקים א לענגערע צייט.

# התרגשות'דיגע ביקור דורך הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד סקווירא בהיכל ישיבתינו הק' פארלאפענעם דאנערשטאג תצוה-זכור העעל"ט

הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א האט אפגעשטאט א באזוך בהיכל ישיבתינו הקדושה, און האט אויפגעטרעטן מיט א פייערדיגע דרשה. דער חשובער ראב"ד האט ארומגערעדט הערליכע ענינים בהתחזקות בתורה ובעבודה, ובפרט האט ער מאריך געווען בסיפורי ענינים נפלאים פון מרן רבינו הקדוש זצוק"ל צו וועם ער איז געווען אדוק ומקושר אלע יארן, און דער ראב"ד האט גאר שטארק מפלא געווען די ישיבה, וועלכע איז נתייסד געווארן ממשיך צו זיין דרכו הטהורה בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

נאכ'ן דרשה זענען אלע בחורים אריבער געבן שלום, און מ'האט געדאווענט תפלת מעריב.

# כותלי בית המדרש יוכיחו






























# רויע געפילן

## פון הארץ צום פענע



## פונעם ערשטן זמן אין דעם תור"ה פעסטונג ישיבה גדולה "תורת משולם פייש" ד'טאהש - ניו יארק

איך זיץ דא אין היכל הישיבה נאכן בחינה רבתי אויף אלע שיעורי הישיבה, דאס קול תורה פונעם "סוף זמן" האמערט נאך אין די ווענט, און איך פרוביר אראפצושרייבן מיינע געפילן פון דעם זמן. כ'האב געהאט די זכי' צו לערנען און שטייגן דא בישיבה של רבי, "ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש".

דאס איז נישט סתם נאך א ישיבה; דאס איז א ב"ה אויסגעשטיגן א תורה פעסטונג וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט איין ציל: ממשיך צו זיין דעם דרך הטהורה פונעם הייליגן רבי'ן זצוק"ל לדורות הבאים. יעדן טאג דא אין ישיבה פילט זיך ווי א חוליא אין די גאלדענע קייט, ווי הרהגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א בעל חיי הלוי האט זיך אויסגעדריקט ביים באזוך דא אין ישיבה "די ישיבה איז ממשיך דעם דרך הטהורה".

די התרגשות דקדושה אום פרשת תולדות, ווען דער ריש מתיבתא קדישא ומייסד כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געקומען מחנך זיין דעם נייעם צייטווייליגן בנין הישיבה מיט א פלאמעדיגע תפלת מנחה. דאס זיך ארומקוקן פונעם רבי'ן מיט אזא קורת רוח אויף אונזער פלייסיג לערנען, האט אונז געגעבן דעם טיפן געפיל אז דער רבי' קוקט ארויס אויף אונזער הצלחה בתורה עבודה ומדות טובות, וואו דער רבי האט דאס טאקע שטארק ארויסגעברענגט ביי די דברות קודש והדרכה.

## די הצלחה'דיגע מציאות

דער פסוק אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה האט דא די ריכטיגע באדייט.

די גאר שטארקע תורה ווינט אין ישיבה, און די ערנסטע עבודת התפלה, בקול ובכוונה אינעם סידור מיט א געלאסענקייט, וואו ס'פאסט פאר טאהשער בחורים, האט אונז געשטארקט און אוועקגעשטעלט ב"ה.

די פנימיות פון די ישיבה זעט זיך אן ביים פארטאגס סדר. איינע פון די שענסטע צייטן איז דער פעסטער טעגליכער סדר האשמורת, וואו ס'איז געווען רצון קדשו פון הייליגן רבי'ן זי"ע, וואס דאס איז דער יסוד פונעם גאנצן טאג.

זיצענדיג אין דעם אפגעזונדערטען ווינקעל, ווייט אוועק פון די רוישיגע וועלט. ווען די גאסן זענען נאך פינסטער, קאכט דער היכל בית המדרש! איך געדענק יום ה' פרשת ויגש, דעם טאג נאך ניטל - מיר האבן זיך געזעצט לערנען 4 אזייגער דעם שיעור עיון מיט א פלייסיגקייט וואס האט איבערגעשטיגן אלע ערווארטונגען. דאס איז דער טייטש פון "אנו משכימים והם משכימים".

דא איז דער פלאץ וואו יעדע איינציגסטע בחור פילט זיך וואו דער אחד המיוחד מסגל החבורה. יעדע בחור איז די ישיבה.

די אהבת חברים, די געוואלדיגע אחדות צווישן די בחורים - דאס איז אונזער אמת'ער כח. די מדות טובות, די סבלנות, די דרך ארץ וואס רבינו שליט"א פאדערט פון אונז איז אונזער סימבאל.

## דער טאהשער אויר - אין ווייטן ניו יארק

די לופט דא איז דורכגעזויגן מיט די אוירה דקדושה, כל רואיהם יעידון ויגידון אז מ'שפירט דא די טאהש'ער לופט. מען שפירט דעם "לשמו

ולזכרו" פון רבינו הקדוש זי"ע אין יעדן ווינקל. ס'איז נישט נאר דער נאמען "תורת משולם פייש", ס'איז דער לעבעדיגער מציאות, מ'לעבט דערין, מ'קאכט זיך בדרכו הטהורה, מ'לערנט ספריו הקדושים, ולאורו הבהיר נסע ונלך.

# די מרביצי תורה - אסאך מער פון דעם

איינע פון די זאכן וואס מאכט אונזער ישיבה אזוי ספעציעל, איז דאס געפיל אז מיר זענען נישט סתם 'תלמידים', נאר קינדער ביי אונזערע מגידי שיעור. די מרביצי תורה דא לעבן מיט מיט אונז; מען שפירט ווי אונזער הצלחה איז זייער אייגענע שמחה. ווען דער מנהל שליט"א קומט אריין אין בית המדרש, זיין צוגעלאזענקייט צולאזט יעדעם.

די שלשה כוכבי לכת, וועלכע געבן זיך אפ מיט אונז, מדי יום ביומו, די מגידי שיעור הרה"ג רבי יואל גאנדעל, הגאון דער דיין, הרה"צ רבי אייזיק, שליט"א אויסער זייערע שיעורים וועלכע זענען ממש וואונדערבאר ב"ה, איז זייער צוגעלאזענקייט צו אונז, זייערע 'שיעורים' פארן 'שיעור' עפעס וואס כ'קען נישט ארויסברענגען אפילו.

ווען מיר זיצן ביי א 'לחיים' מיט הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, אדער ביי די כסדר'דיגן שמועסן מיט הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מנהל ישיבה קטנה, וואו מיר רופן אים "דער משגיח", זעט מען אין זייערע אויגן אז זיי מיינען אונזערט וועגן מיט אן אמת'ע ליבשאפט.

עס איז נישט דא קיין מחיצה - מען קען צוגיין שמועסן, זיך דורכצורעדן א סוגיא אדער א פערזענליכע ענין, און מען וועט אלץ באקומען א ווארעמע שמייכל און אן אפן הארץ. די הערצה וואס מיר האבן צו זיי קומט פון דעם וואס מיר זעען ווי זיי זענען אליין מבטל זייערע רצונות פאר אונזער שטייגונג. זיי זענען אונזערע לעבעדיגע מוסטערן, און די נאנטשאפט צו זיי איז דאס וואס גיט אונז דעם חשק צו זיין אמת'ער טאהשער בחורים און שטייגן העכער און העכער.

וואס זאל איך אייך זאגן? צו זען ווי אונזערע מגידי שיעור און משפיעים געבן זיך איבער, איז להפליא.

אונזער מנהל שליט"א וואס זארגט פאר יעדן בחור מיט אן אומבאגרעניצטע אהבה. די קלארע ווארעמע דרשות כסדר.

## שיעורי הישיבה:

דער הפלא'דיגער שיעור עיון מגי"ש הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א, וואס מיט זיין קלארקייט אין "פרק שנים אוחזין" מיט די ראשונים ואחרונים, האט ער אונז געמאכט ליב האבן די גמרא.

דער שיעור פשוט מגי"ש הרה"צ רבי אייזיק סג"ל שליט"א, מיר האבן געהארעוועט פרק הזהב מיט רש"י ותוספות, ס'איז געגאנגען א רויעך, און אפשטעל, טאג נאך טאג.

ביים שיעור בקיאות האט מען געלערנט מיט א פעסטקייט ב"ה פרקי השוכר את האומנין, השוכר את הפועלים, הבית והעליה.

די משגיחים ושו"מ הרה"ג ר' אבא חייא שטאלצבערג שליט"א און הרה"ג ר' מרדכי יודא שטערן שליט"א, דוגמאות פון חסידישע איידעלע תלמידי חכמים מלא תוכן, זייער איבערגעגעבנקייט צו אונז.

די חשובע מרביצי תורה וועלכע פלאמען אונז אן מיט חסידישע ספרים און הכנה לימי החג.



דער שולחן ערוך מגי"ש הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א האט אונז אויסגעלערנט דעם דרך צו לערנען שולחן ערוך אנגעהויבן מיט די סוגיות הגמרא ביז צו אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא מיט א קלארקייט. אזוי האבן מיר ב"ה קונה געווען סימן שי"ט -ש"כ- שכ"א. זיינע וואונדערבארע שמועסן בעבודת ה', טעמו וראו כי טוב ה'.

דער דיין האט אונז געברענגט ביים לערנען הלכת בורר בשבת, איינע וועלכער האט מסביר געווען און געוויזן עטליכע מיני פילטער'ס און צוזאמען מיטן דיין איז מען אריבער די הלכות אויף הלכה למעשה.

## חזר'ן און זיך פארהערן מסכת בבא מציעא

דער ציל פון ענדיגן די יאהר בעז"ה מסכת בבא מציעא וואס דער מנהל האלט אין איין מחזק זיין, שטייט פאר אלע בחורים פאר די אויגן, אין יעדע פרייע צייט נוצט מען אויס.

די התמדה ביים "סוף זמן" חזרות, זיך צושטעלן צום גרויסן פארהערן אויף אלע לימודי הישיבה.

דעם בין הזמנים לערנט מען יעדן טאג, אויסער די הלכות וספה"ק בעניני פסח, א עמוד פרק שנים אוחזין, און א עמוד אין פרק המקבל.

און קומענדיגן זמן הקיץ וועט מען בע"ה דורכהאקן, שיעור עיון פרק המפקיד, שיעור פשוט פרק איזהו נשך, שיעור בקיאות אלו מציאות און השואל, און איבערחזר'ן די לימודי זמן החורף בע"ה.

## רוחניות'דיגע שאיפות: "חבורות"

צווישן די לעכטיגע ווענט האבן מיר געבויט מער ווי נאר לערנען:

ווען איך קוק מיר ארום אין בית המדרש, שפיר איך ווי די ווענט אליין פלאקערן מיט אש קודש. עס איז נישט דא קיין מינוט וואס איז ליידיג; די התמדה דא איז עפעס וואס לאזט נישט קיין פלאץ פאר קיין שום זאך חוץ תורה ויראת שמים.

די ישיבה איז א קעסל וואס קאכט. צו עס איז די חבורה "הדור קבלוה" וואו מען האט געהארעוועט אין שולחן ערוך הל' פורים, אדער די "חבורת חפץ חיים" וואו בחורים נעמען זיך איינאיינעם צו היטן דעם לשון - מען זעהט דא אן עבודה. מיר לערנען נישט נאר "וואס" צו טון, נאר "וויאזוי" א טאהשער בחור דארף אויסזען: אן ערנסטער תלמיד חכם מיט א ווארעם חסידיש הארץ אנגעפולט מיט מדות טובות.

### מחזור החדשים:

מיטן ציל איבערצו'חזר'ן יעדן חודש אלע לימודים פון פאריגע חודש, א.א.וו. כסדר, ס'זאל זיין שגור בפיו.

### חבורת חפץ חיים:

די בחורים וואס האבן זיך צאמגענומען יעדן טאג צו לערנען און זיין נזהר אין שמירת הלשון.



### חבורת הדור קבלוה:

וואו מיר האבן געהארעוועט אין שולחן ערוך או"ח הלכות פורים, לידע את המעשה אשר יעשון.

### חבורת ודבר דבר:

געשטעלט אז מ'זאל זיך היטן דעם דיבור במשך שבת קודש.

### חבורת ספרי החג:

לערנען חסידישע ספרים וואס זענען מבאר די ענינים פון די קומענדיגע ימים טובים.

### חבורת הכנה ליו"ט:

וואו מ'האט געלערנט בדיבוק חברים יעדן טאג לכל הפחות 10 סעיפים אין שולחן ערוך הרב הלכת פסח.

### דרשות שונות ממגידים נפלאים:

וועלט בארימטע בעלי דרשנים, הגה"צ ראב"ד סקווירא, הגאון רבי מאיר צוויבעל, הגאון רבי שלום שרגא פייש פאפלאנאש, און נאך.

## די לעכטיגע שבתים בין כותלי הישיבה

ווער עס האט נישט מיטגעלעבט א שבת אין אונזער ישיבה, האט נישט געזען קיין "שבת אחים גם יחד". עס הייבט זיך שוין אן ביים ערב שבת קודש, ווען מען זעט די בחורים זיך גרייטן מיט אן ערנסטקייט צום שבת קודש, יעדע שבת מיט זיינע ענינים הקריאה מעורר הזמן. א ספעציעלע ליכטיגקייט האט געהערשט ווען מיר האבן געלערנט די הלכות שבת (סימנים שי"ט-ש"כ-שכ"א) ביים שיעור שו"ע פונעם דיין שליט"א - פלוצלינג איז יעדער דעטאל ביים שבת'דיגן טיש געווארן א לעבעדיגע סוגיא.

דאס דאווענען די תפלות שבת קודש זענען דורכגעווייקט מיט א ווארימקייט. די ווארעמע סעודות שבת זענען די צייט פון התרוממות הנפש. מען זינגט די טאהשער ניגונים מיט א דביקות, און מען הערט "סיפורי צדיקים" וואס פלאמען אן דאס הארץ.

מיר וועלן נישט פארגעסן שבת קודש פרשת נח און שב"ק פר' ויק"פ ווען דער דיין שליט"א האט געפראוועט, ס'איז געווען מעין עולם הבא, די שבתים מיטן רבי'נס קינדער, הרה"צ רבי ישראל מרדכי, רבי משה, רבי יצחק אייזיק, רבי יעקב שליט"א, הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א משפיע ור"מ בישיבה קטנה, הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מנהל ישיבה קטנה, הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, הרה"ג ר' אלקנה חיים סג"ל קרויס שליט"א, ועוד, וואס יעדער פאר זיך לפי דרכו האט אריינגעברענגט א ספעציעלע חיות אין אונז.

איך געדענק שב"ק פרשת וישלח, ווען הרה"ג ר' מאיר יהוסף ראטענבערג שליט"א האט געפראוועט מיט אונז דעם שבת. זיין דרשה איבער די חשיבות פון די "ישיבה יארן" האט אונז אלע באנומען.

יעדן שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען איז געווען א קידושא רבה, וואו די אחדות צווישן די בחורים האט געשיינט

אויף די פנימ'ער, די דברי תורה וחסידות, וואו יעדער האט זיך מהנה געווען.

ביי די סעודות הערט מען כסדר צוריק גוטע גריסן איבער דעם שטייגונג פון די בחורים, און מען פילט ווי מען בויט זיך אויף בזכותו און בהשראתו פונעם הייליגן רבי'ן זצוק"ל.

דער מוצש"ק אין ישיבה איז א קאפיטל פאר זיך. הן די געשמאקע "סדר הלימוד" וועלכע קומט פאר תיכף נאך הבדלה, ס'לערנט זיך נאך בקדושת השבת.

דאן די סעודת מלוה מלכה מיט בארימטע געסט וועלכע קומען משפיע זיין אלעמאל פול מיט פרישע תוכן.

ווער קען פארגעסן די מלוה מלכא ווען הרה"ג ר' בנציון כ"ץ שליט"א (מארה"ק) איז געווען צו גאסט, און הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א ר"מ בישיבה למכינה, זיי האבן אונז צוריקגעפירט צו די הנהגות און עבודת עבודה פון רבינו הקדוש זצוק"ל מיט אזא ארגינעלע עכטקייט.

דאס זענען די שבתים מעין עולם הבא וואס געבן אונז דעם כח אויף די גאנצע וואך. דאס איז דער "טעם גן עדן" וואס וועט אונז באגלייטן אונזער גאנץ לעבן. מיר לעבן ב"ה אריין אין א שבת.

## דערהויבענע יומי דפגרא געפראוועט

יעדע ראש חודש, ימי הילולא, יומין דחנוכה, ט"ו שבט, ערב פורים איז אויסגענוצט געווארן, סיי זיך צוגרייטן צום יומא דפגרא בהכנה דרבה בתורה ובעבודה, און סיי דעם עצם טאג האט אונז ארויפגעברענגט מעלות רמות, און ס'האט אריינגעברענגט א חיזוק אויף ווייטער.

די שיינע דרשת הכנה לחנוכה פונעם דיין שליט"א פאר חנוכה, די חנוכה מסיבות איין נאכט מיט רבי אייזיק סג"ל, און איין נאכט מיטן דיין איז געווען א ריכטיגע שוועבל אנצוצינדן דעם שלהבת אש קודש.

די מסיבת ח"י טבת בראשות דעם משפיע ר' מרדכי בערגער שליט"א, וועלכע גיט אריין א ווארימקייט צו תלמידי בעשטה"ק וספריהם הקדושים.

די דרשה נחוצה בעניני שידוכים בליל ניטל איז געווען זייער אינטערעסאנט און נוגע למעשה.

די שבועות השובבי"ם האט געפלאמט די ישיבה, די שעות רצופות, די תהלים ערב שבת פאר די סדר האשמורת. יא ס'האט אונז איבערגענומען.



## דער קשר אמיץ: "כבנים אצל אביהם"

פון די ערשטע טעג פונעם זמן אנגעהויבן, האט זיך שוין דערקענט די ספעציעלע "קורת רוח" פונעם רבי'ן שליט"א דער גרויסער מייסד וריש מתיבתא ווען ער איז געקומען מחנך זיין די נייע ישיבה. עס איז א קשר וואס ווערט באנייט יעדן טאג:

דער רבי שליט"א קומט כסדר פערזענליך באזוכן די היכל הישיבה, דאווענט מיט די בחורים, און קוקט זיך נאנט ארום אויף אלע בחורים, פרעגט זיך כסדר נאך, און פאראינטערעסירט זיך בכלל ובפרט.

ווען איך זיץ אין בית המדרש און איך קוק אויף דעם ליידיגן פלאץ וואו דער רבי שליט"א איז געזעסן ביי אונז פרשת תולדות, לויפט מיר נאך אלץ דורך א ציטער פון ערווארטונג. ביי אונז אין ישיבה איז דער רבי נישט נאר א נשיא אדער א מנהיג וואס מען זעט פון דערווייטנס; ער איז דער "ריש מתיבתא" וואס לעבט מיט אונז יעדן דעטאל.

איך געדענק דעם מאנטאג ווען דער רבי איז אריינגעקומען אויף א פלוצלימ'דיגע באזוך. ער איז נישט סתם דורך געגאנגען, נאר ער האט זיך אפגעשטעלט און זיך ארומגעקוקט מיט אזא שטארקע "קורת רוח" אויף אונזער לערנען. מען האט געקענט זען אין זיינע אויגן אז ער זעט אין אונז דעם המשכת הדורות על דרך הקודש פונעם הייליגן צדיק רבינו הקדוש זצוק"ל. דאס געבט מיר דעם כח צו עפענען די גמרא, און זיך פלאגן אויף די הייליגע ווערטער פון די ראשונים כמלאכים, איך ווייס אז דער רבי שליט"א פילט מיט אונזער הארעוואניע, ער איז מתפלל פאר אונז.

דעם פייערדיגן מעריב און דערנאך שחרית אים חנוכה, די מסיבת לחיים, דברות קודש והדרכה, חלוקת המטבעות האט פאר אונז געמיינט די גאנצע וועלט, און אונז אויפגעהויבן מעלה מעלה.

ווען איך קוק אויף אונזער רבי'ן, דעם ריש מתיבתא שליט"א, זע איך נישט נאר א גרויסע ראש ישיבה; איך זע א ראש ישיבה וואס זיין גאנצע הארץ איז ביי אונז. עס איז א קשר וואס מען קען נישט מסביר זיין פאר א פרעמדן - דאס איז די ווארימקייט ווען דער רבי קומט אריין אין בית המדרש אום פרשת תולדות אדער חנוכה, און מען זעט ווי ער קוקט אונז אן מיט אזא שטארקע ליבשאפט און קורת רוח, ממש ווי א טאטע וואס פרייט זיך מיט זיינע קינדער'ס הצלחה.

מיר שפירן אז מיר זענען זיין 'בבת עינו'. די גאנצע הארוואניע אונזערע, די שעות רצופות פון די ימי השובבי"ם, זענען געווען צו טון דעם רצון הבורא יתברך, און א 'מנחת ביכורים' וואס מיר האבן געוואלט ברענגען פארן רבי'ן פערזענליך.

ווען מיר זענען געווען אין קרית טאהש אום חמשה עשר בשבט, האבן מיר געפילט ווי מיר קומען אהיים - אונזער הארץ איז דארט וואו דער רבי איז. יעדער בחור דא ווייסט אז ער האט אן אפן טיר און א ווארעם פלאץ ביים רבי'ן אין הארץ, און דאס איז די נשמה וואס האלט אונז אלע צאמגעבונדן אלס איין הייליגע משפחה.

## א נסיעה פון התעלות

דאס איז אבער פונעדערוויטענס, ווי שווער איז צו שילדערן דעם נסיעה פון התעלות, די נסיעה האט זיך נישט אנגעהויבן ביים באס, נאר וואכן פריער. אין די הייליגע ימי השובבי"ם, האבן אונז אריינגעהארעוועט לענגערע שעות רצופות בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה. דער ציל איז געווען קלאר: מען פארט נישט מיט ליידיגע הענט. מיר גייען געבן א "מנחת ביכורים" פארן רבי'ן שליט"א - א מתנה פון תורה וואס זאל באלייכטן דעם רבינ'ס צורה.

ווען מען איז ענדליך ארויסגעפארן, איז דער באס געווארן א בית המדרש על גלגלים. מיט'ן ספעציעלן קונטרס "צדה לדרך - ויהי בנסוע" אין די הענט. די לופט איז געווען פיל מיט די ניגונים פון "כי בשמחה תצאון", און די ערווארטונג צו טרעטן אויף די הייליגע ערד פון קרית טאהש האט געברענגט א מורא'דיגע חיות אין יעדן בחור.

די שמחה פון "כי בשמחה תצאון" ווען מיר זענען געפארן קיין קרית טאהש זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש פון אונזער ריש מתיבתא רבינו שליט"א, וועט מיר קיינמאל נישט ארויסגיין פון זכרון. די אהבה וואס דער רבי האט אונז געוויזן כסדר, דאס ברעכט מויערן און דערהייבט אונז לתורה ועבודת הבורא.

דעם דערהויבענעם שבת שירה, ווען מיר האבן זוכה געווען צו זיין בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

למחרת חמשה עשר בשבט: יו"ט לאילנות איז געפראוועט געווארן א "טיש" אינאיינעם מיט די ישיבות הק' פון קרית טאהש און ישיבותינו הק' פון ניו יארק. וועלכע איז אריבער גאר אייגנארטיג און דערהויבן.

מיר האבן זיך אויף פארהערט דעמאלטס ביים רבי'נס איידעם הרה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א סימנים שי"ט און ש"כ, ער האט באוואונדערט אונזערע ידיעות. אוודאי אז מיר האבן אזא מגיד שיעור וואו דער דיין, וואס איז פקיע שמיה...

דאס הארץ פון די נסיעה איז געווען דער פערזענליכער קשר מיט'ן רבי'ן שליט"א. די בחורים האבן געפילט ווי "בנים הסמוכים אצל אביהם". דער פאקט אז דער רבי האט אויפגענומען מיט אזא ליבשאפט און קורת רוח, האט אריינגעבלאזן אין אונז נייע כוחות פאר'ן גאנצן קומענדיגן זמן, און נאך אסאך ווייטער בע"ה.

איך מוז מקצר זיין שוין, כ'דארף אהיימפארן בשעטומ"צ... כ'האב נישט דערמאנט דעם דערהויבענע פורים וואס מיר האבן געהאט צוזאמען, דאס גיין צוזאמען נאך געלט באחדות אחד מיט א ערענסטקייט, די התעוררות'דיגע סעודת פורים ביים משגיח.

•

"איך קוק זיך ארום אויף די ווענט פון בית המדרש און איך קען עס קוים גלויבן - מיר זענען די 'דור המייסדים'! מיר זענען די בחורים וואס האבן געהאט די זכיה צו לייגן די ערשטע ציגל אין דעם הייליגן בנין עדי עד. יעדער 'תוספות' וואס מיר לערנען דא פרי פארטאגס, יעדער ניגון וואס מיר זינגען אינאיינעם, ווערט אריינגעקריצט אין די יסודות פון די ישיבה. לדורות עולם וועט מען וויסן און געדענקען: דא, צווישן די כתלים פון 'תורת משולם פייש', דא האט אנגעהויבן קלאפן דאס הארץ און ברענען דער אש קודש פון טאהש מיט א פרישן ברען! וזה הקטן גדול יהיה, איך בין אזוי דאנקבאר צום באשעפער אז מיין נאמען איז א חלק פון דעם דאזיגן אנהייב."

דאס אלעס, די געוואלדיגע הצלחה און העכערע סייעתא דשמיא פון די נייע ישיבה גדולה תורת, איז זיכער למעלה מדרך הטבע, און איז צו פארדאנקן דעם ראש הישיבה רבינו שליט"א, וואס טראגט אונז על לוח לבו הטהור שטענדיג, און זאגט כסדר אז ס'איז בכחו ובזכותו ולאורו הבהיר פון רבינו הקדוש זי"ע. זאלן די זכותים פון הייליגן רבי'ן ואבותיו הקדושים זי"ע ווייטער מגין זיין אויף אונז, אז מיר זאלן מצליח זיין אין אלע ענינים, מ'זאל ווייטער שטייגן און דאס וועט אונז באגלייטן כל ימינו, אמן.



אַדִּיר הוּא יִבְנֶה בֵּיתוֹ בְּקָרוֹב!

אומבאשרייבליכע מחזה הוד והדר:

# בחורי ישיבתינו הקדושה נוצן אויס די יעצטיגע ימי בין הזמנים ויו״ט איבער צו חזר׳ן בלעטער גמרא כדי מסיים צו זיין און קונה זיין בעז״ה גאנץ מסכת גיטין בהאי שתא

מיט א שבח והודאה להשי״ת נותן התורה האט מען דעם פארגאנגענעם זמן החורף העעל״ט זוכה געווען אפצוהאלטן א ספעציעל גאר הצלחה׳דיגן זמן, ווען אלע בחורים - אן קיין אויסנאם - זענען ב״ה גאר שטארק געשטיגן בתורה ובעבודה ובמדות טובות, און עס דערקענט זיך שטארק וכל רואיהם יכירון כי זרע ברך ה׳ המה. עס דערקענט זיך די געטרייע שווערע הארעוואניע פון אלע געטרייע מגידי שיעור, משגיחים ובראשם דער מנהל שליט״א.

• • •

דעם פארגאנגענעם מיטוואך פר׳ צו העעל״ט איז פארגעקומען א שיינע מסיבת לחיים צום סיום זמן החורף, וואו עס האבן אויפגעטרעטן מיט טרעפליכע ווערטער בדברי הכנה לחג הפסח, הרה״ג רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט״א ר״מ ומשפיע, הרה״ג רבי חיים הערש מייזעלס שליט״א ר״מ, הרה״ג רבי אלתר משה כהנא שליט״א ר״מ, און הרה״ג רבי מנחם מענדל סג״ל גאלדשטיין שליט״א מנהל.

עס זענען געטיילט געווארן שיינע ספרי קודש לפרס אות הצטיינות פאר די לימודי הזמן, און עס זענען אויך פארגעקומען טייערע הגרלות.


בס״ד
בין הזמנים ניסן תשפ״ו לפ״ק
כדי לקנות כל מסכת גיטין בעז״ה בשנה זו יתקיים בימי בין הזמנים וחג הפסח
חזרה על ב׳ פרקים ראשונים מסכת גיטין
מעמוד ב׳ ע״א עד עמוד כ״ד ע״א
בתחילת זמן הקיץ ינתן בע״ה בחינה על זה
החכם עיניו בראשו ומתן שכרה בצדה
הבה״ח ____________________ ני״ו
יהיה בע״ה הזדמנות למסור זאת
לכ״ק מרן רבינו שליט״א

ווי אויך האט דער מנהל שליט״א געטיילט פאר אלע בחורים א ספעציעלן ׳לוח לימי בין הזמנים׳, וואו די בחורים וועלן זיך פארצייכענען זייער התנהגות טאג נאך טאג במשך דעם בין הזמנים.

אויך איז געגעבן געווארן א סדר הלימוד אז יעדן טאג זאל מען לערנען מסכת גיטין, און חזר׳ן די ערשטע צוויי פרקים המביא קמא און המביא בתרא, דערמיט וועט מען קענען אנקומען צום גרויסן ציל בעז״ה צו פארענדיגן גאנץ מסכת גיטין אויף דעם קומענדיגן סוף זמן הקיץ תשפ״ו הבעל״ט.

ביי די קומענדיגע געלעגנהייט וועט מען בע״ה אריינטראגן אל הקודש פנימה צו רבינו שליט״א פרי עמלם פון די חשובע בחורים, און וויזן פארן רבי׳ן וויאזוי תלמידיו הנאמנים האבן אויסגענוצט די ימי בין הזמנים בהתמדת התורה ויראת ה׳ טהורה.

אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו.

• • •

די לימודי וסדרי הישיבה ביי שיעור עיון, שיעור פשוט, ושיעור בקיאות איז ספעציעל אויסגעשטעלט אז יעדע 4טע וואך איז דא א חזרה אויף די לימודים, כדי די בלעטער גמרא וואס מ׳האט קונה געווען, זאלן זיך האלטן פריש און מ׳זאל דאס איבער׳חזר׳ן באצייטענס, כדי דאס טאקע צו קענען קונה זיין מיט א שלימות, ס׳זאל ווייטער בלייבן אין דיביינער.

ווי אויך, ביי יעדע וואכעדיגע שיעור, ביי אלע שיעורי הישיבה קומט פאר א ׳בחינה בכתב׳ דורך יעדע מגי״ש און יעדע כיתה באזונדער. איז ווידער ספעציעל אויסגעשטעלט אז ס׳איז אויך פאראן א שאלה פון די פאריגע וואכעדיגע שיעור, כדי די עלטערע בלעטער זאל נאך בלייבן ווייטער פריש אין קאפ, גרייט אויף ווייטער צו חזר׳ן ביז די קומענדיגע חזרה א.א.וו.

• • •

עס ווערט געלייגט א גאר שטארקע דגוש ביי אלע שיעורי הישיבה דאס וויכטיגע ענין פון ״חזרה״ אין די פרייע צייטן, חוץ פון די זמני וסדרי הישיבה.

אלע מגידי שיעורים שליט״א, ובפרט דער חשובער מנהל שליט״א ביי זיינע וועכענטליכע גאר אינהאלטספולע דרשות, האלטן און איין מעורר זיין, מחזק זיין, און דערמאנען די גאר וויכטיגע נושא פון כסדר׳דיגע חזרת הלימודים, און עס דערקענט זיך טאקע אויף אלע בחורים וואו מ׳נוצט אויס אלע זייטיגע זמנים

מיטן חזר'ן די שיעורי גמרא ושולחן ערוך.

כדי נאכמער צו פארשטערקערן דעם ענין פון חזרת הלימודים, אויף א רעגלמעסיגער אופן, איז אוועקגעשטעלט געווארן א באזונדערע חבורה "ושננתם", וואס די מטרה פון די חבורה איז, צו מאכן א סדר החזרה פאר די בחורים, און באגלייטן די בחורי הישיבה זיי גרינגער צו מאכן דאס כסדר'דיגע חזר'ן די לימודים, זיי זאלן דאס ריכטיג און קלאר קונה זיין, ס'זאל זיין כמונח בקופסא.

כדי מזרז צו זיין און צו פארגרינגערן פאר די בחורים אויסצופירן די אלע סדרי החזרות, איז יעדן זונטאג אוועקגעשטעלט א ספעציעלע זמן וואס ס'איז מיוחד בלויז אויף איבערצו'חזר'ן די שיעור עיון פון די פאריגע וואך העעל"ט. און דאס געט א שטארקע חיזוק צוזעענדיג אז מ'קען אין בלויז א קורצע זמן איבער'חזר'ן די גאנצע לימוד פון א גאנצע וואך מיט א קלארקייט.

זונטאג איז לתועלת די תלמידי שיעור ג' דא א ספעציעלע זמן ווען מ'האט א געלעגנהייט זיך פארצוקוקן דעם שיעור עיון פון די קומענדיגע וואך.

• • •

ווען מ'ענדיגט א מספר מסיום דפים, אדער ביים ענדיגן א פרק וכדו', איז דא א גרעסערע חזרה, וואו מ'חזר'ט איבער אויף איינמאל דעם ענין אדער דעם גאנצן פרק.

דעם פארגאנגענעם זמן העעל"ט האבן די בחורים געלערנט, גע'חזר'ט און קונה געווען, שיעור עיון פרק השולח, וואס ווערט בע"ה צוגענדיגט ווערן בייםזמן הקיץ הבעל"ט.

שיעור פשוט איז געלערנט געווארן די ערשטע צוויי פרקים המביא קמא און המביא בתרא, און בזמן קיץ וועט בע"ה געלערנט ווערן פרקי הניזקין, מי שאחזו.

שיעור בקיאות איז געלערנט געווארן דעם זמן העעל"ט פרקי כל הגט און האומר, און דעם זומער זמן הבעל"ט וועט מען בע"ה לערנען פרקי הזורק און המגרש.

ביים סדר ערב איז ספעציעל דער זמן ווען די בחורים חזר'ן איבער אלע לימודים, כדי צו קענען ענדיגן די גאנצע מסכת ביז סוף יאהר בעזהשי"ת.

ס'איז באמת א נחת צוזעהן ווי די בחורים ליגן אין לערנען און קאכן זיך אפילו אין די פרייע זמנים אין די חזרות, און לעבן מיט די שאיפה צו ענדיגן די גאנצע מסכת, און דאס האבן אין זיך כמונח בקופסא.

ושננתם, שיהיו דברי תורה מחודדין בפיך.

• • •

אינעם לימוד 'שולחן ערוך אורח חיים' בהיכלא דמלכא לייגט מען אויך אריין ספעציעלע שטארקע כחות, ס'זאל זיין אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, מ'לערנט דעם שיעור מיט א געוואלדיגע עיון און קלארקייט. די חשובע מגידי שיעור שליט"א לייגן א גרויסן דגוש אויסצולערנען די בחורי חמד וויאזוי צו לערנען שו"ע, אנגעהויבן פון טור בית יוסף און די נושאי כלים ביז נאכן שולחן ערוך הרב און די אחרונים.

די מגידי שיעור ווערן נתפעל פון די וועכענטליכע בחינות בכתב וואס די בחורים ענטפערן מיט א בהירות. עס איז צום באוואונדערן ב"ה כסדר די שטארקע הבנה וואס די בחורים האבן אין לימוד שולחן ערוך.

שיעור א' האט ב"ה געענדיגט און זיך געשטעלט צום פאראהער סוף זמן ביים מנהל שליט"א אויף הלכות תפלה.

שיעור ב' האט ב"ה געענדיגט און זיך געשטעלט צום פאראהער אויף סימן ש"ח - שי"ב הלכות מוקצה.

שיעור ג' האט ב"ה געענדיגט און זיך געשטעלט צום פאראהער ביים דומ"ץ ור"מ בישיבה גדולה שליט"א אויף טור, ב"י, דרכי משה, מחבר, מג"א, טו"ז, מחצה"ש, שו"ע הרב, אויף גאנץ סימן שי"ח הלכות בישול.

כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא.

• • •

עס ווערט געלייגט א שטארקע דגוש אין ישיבה אויפן לימוד חומש ורש"י מדי שבוע בשבוע, און עס קומט פאר יעדע וואך א בחינה בכתב.

דער מנהל שליט"א דערמאנט כסדר די וויכטיגקייט קלאר אדורכצולערנען יעדע פסוק עפ"י רש"י מבואר בהיטב, און זיכער מאכן אז מ'ענדיגט יעדע וואך די גאנצע סדרה חומש ורש"י.

וקרא בו כל ימי חייו.

• • •

א שטארקע ווינט פון התעלות בתורה וחסידות אין ישיבה איז צו פארדאנקן די גאר חשובע און מערקבארע פארשידענע 'חבורות'. ס'ברענגט אריין א לעכטיגן אור אינעם אוירה דקדושה.

**חבורת ליקוטי אמרים - תניא:** דער חשובער משפיע ור"מ בישיבתינו הק' הרה"ג רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א לערנט פאר אין די מיטאג צייט, בספה"ק ליקוטי אמרים - תניא בטוב טעם ודעת במתק לשונו הזהב, וועלכע ברענגט א געוואלדיגע תועלת פאר די חשובע בחורים.



**חבורת לאהבה וליראה:** די בחורים צייכענען זיך טעגליך אין א ספעציעלע קארטל וויפול שעה זיי לערנען ברצופות, אן קיין שום הפסק אינדערמיט. ווי אויך אין די פרייע צייטן ווי לאנג זיי האבן געלערנט. גלייכצייטיג אויף וועלכע קבלה טובה זיי האבן געארבעט יענעם טאג.

**חבורת מבקשי השם:** א חבורה פון בחורי חמד וועלכע צייכענען זיך טעגליך, עטליכע עניני עבודת השי"ת לאהבה וליראה.

**חבורת הדר קבלוה:** פאר פורים איז געווען א ספעציעלע חבורה פון בחורי חמד, וועלכע האבן צוגעלערנט אין די פרייע זמנים גאנץ מסכת מגילה, און זיי האבן זיך דאס פארהערט.

**חבורת הכנה לחג:** פאר יעדן יו"ט לערנט הרה"ג המשפיע ור"מ שליט"א פאר עניני הכנה לחג. פאר חנוכה און פורים האט דער משפיע ור"מ פארגעלערנט בספה"ק קדושת לוי בטוט"ד. פאר פסח האט ער פארגעלערנט במתק לשונו הגדה של פסח מתובל בספרי חסידות, וועלכע ברענגן אריין א אור און חיות במועדי השנה.

**התקשרות לצדיקים:** נאכן ספעציעלע זמן וואס איז איינגעשטעלט וואו די בחורים לערנען ספרי חסידות בדיבוק חברים יעדן טאג כהכנה לעבודת התפלה, טרעט אויף יעדן טאג א בחור איבער די יומא דהילולא קדישא פונעם היינטיגן טאג, אדער אין די דריי טעג, פון די צדיקים מתלמידי הבעשטה"ק זי"ע, נאכזאגענדיג א דבר תורה, א עובדא, וועלכע ברענגט אריין א התלהבות זיך צו שטעלן דאווענען בעבודת עבודה.

לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם.

• • •

א ספעציעלע אפקלאנג האט געהאט אז די חשובע בחורים האבן אריינגעצויגן דעם זמן החורף אויך נאך ר"ח ניסן, און די סדר הישיבה איז ווייטער אנגעגאנגען תמידים כסדרם ביז פארגאנגענעם מיטוואך פר' צו, ז' ניסן העעל"ט נאכמיטאג. דער וואונדערליכער קול תורה וסדר הישיבה האט ארויסגעברענגט תלי"ת א גאר שטארקע מחזה הוד אויף דאס ספעציעלע אייגנארטיגקייט פון תלמידי ישיבתינו הק'.

אזוי אויך גרייטן זיך תלמידי הישיבה אנצופאנגן דעם נייעם זמן הקיץ הבעל"ט בשעה טובה ומוצלחת, קומענדיגן דינסטאג פר' תזריע-טהרה, כ"ז ניסן הבעל"ט. אזוי ארום טוט מען אוועקשניידן פון די ביז יעצטיגע ימי בין הזמנים, און מ'נוצט אויס די הייליגע ניסן טעג, די ימים המבורכים, מלא וגדוש בתורה עבודה ויראת ה' טהורה ביני עמודי דגירסא, צו די פולסטע צופרידענהייט פון די חשובע עלטערן און די חשובע בחורים, פארשטייענדיג דאס נחיצות דערפון.

דאס ברענגט ווידער צום אויבערפלאך די גאר שטארקע איבערגעגעבענקייט און מסי"נ פון די חשובע מרביצי תורה בישיבתינו הק' שליט"א, וועלכע זענען שטענדיג גרייט אלעס צו טון לתועלת די חינוך פון די חשובע בחורים שיחיו.

בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל בב"א.

• • •







| | א | ב | ג | ד | ה | עש"ק | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| לא דברתי לפני התפלה | | | | | | | |
| השתדלתי לכוון פירוש המלות בשמו"ע בהג' תפלות | | | | | | | |
| עשיתי חשבון הנפש בלילה | | | | | | | |
| אמרתי תהלים היום לחודש | | | | | | | |
| ענינים פרטים | | | | | | | |
| | | | | | | | |
| | | | | | | | |
| | | | | | | | |
| | | | | | | | |


בעזהשי"ת

שם הב' ____________ ני"ו

פרשת ____________

המשלשי"ם בקדושה

שובבי"ם תשפ"ה

◆ המשלשי"ם בשל"ש קדושות לקדוש ◆

כמה זמן זכיתי ללמוד ברצופות

| | א | ב | ג | ד | ה | ו | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| שיעור בקיאות | | | | | | | |
| שיעור עיון | | | | | | | |
| שולחן ערוך | | | | | | | |
| שיעור פשוט | | | | | | | |
| זמנים פנויים | | | | | | | |

| ס"ה רצופות די וואך | | ס"ה רצופות אלע וואכן | |
|---|---|---|---|

בסדר הישיבה יכולין לחשוב מחצי שעה ולמעלה, או סדר שלם

בזמנים פנויים מ20 מינוט ולמעלה, (אמירת תהלים, והעברת הסדרה שמו"ת הם בכלל)

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

צו - הגדול - תשפ"ו לפ"ק

## זונטאג פר' צו

נאכמיטאג ביי זמני כניסה איז פארגעקומען א באזוך פון הגה"צ אב"ד עדעלין קערעסטיר שליט"א. רבינו שליט"א האט אים אויפגענומען ביותרת הכבוד, דער רבי האט שואל געווען בשלומו און עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס. מען האט געטרינקען לחיים לרגל השמחה השורה בביתו, פון א שמחת הברית מילה ביי זיין אייניקל, דער רבי האט געוואונטשן מזל טוב און לחיים, און דערנאך ארויסבאגלייט ביזן גאס.

## מאנטאג פר' צו

נאך מנחה ומעריב האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה, דערנאך געוואונטשן א גוטן חודש פארן גאנצן ציבור.

שפעטער איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש די שמחת התנאים פון החתן נטע מנחם ני"ו בן הרה"ח ר' חיים יואל פריעדמאן הי"ו פון בארא פארק, עב"ג בת הרה"ח ר' עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו. דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקען און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און פאר די כלה און פאר די מחותנים ובני משפחה.

שפעטער האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי הרה"ח ר' קלמן וויינבערגער הי"ו פון וומסב"ג וועלכע איז געזעצן שבעה נאך א שוועסטער ע"ה, דער רבי האט מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

## דינסטאג פר' צו

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר ישעי' אשר זעליג ראטענבערג הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

שפעטער איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה יעקב נחמי' צבי סג"ל קרויס הי"ו, ווי דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינה, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען אין מאנטריאל ביי משפחת זילבער וועלכע זענען געזעצן שבעה על פטירת אמם אלמנת הרה"ח ר' ברוך זילבער ע"ה, דער רבי האט מחזק געווען די משפחה און ווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

## מיטוואך פר' צו

ביינאכט נאך מעריב ביי די זמני כניסה זענען אריין אל הקודש פנימה א חבורה פון תלמידי ישיבה קטנה אור החיים אין קריתינו הק', וועלכע לערנען יעדן טאג תיקוני זוהר הק', כרצון קדשו פון רביה"ק זי"ע, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש דברי חיזוק, און שטארק ארויסגעהויבן זייערע פעולות לטובה און מחזק געווען ווייטער אנצוגיין, און דערנאך פארפירט א שיינע שמועס מיט די תלמידים.

צום שליס זענען אלע בחורים אריבער ביים רבי'ן און באקומען א מתנה די ספר הקדוש אגרא דפרקא.

## דאנערשטאג פר' צו

דער רבי האט מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי מוה"ר שלום וויינבערגער הי"ו פון בארא פארק, וועלכע איז געזעצן שבעה על פטירת אמו ע"ה, דער רבי האט מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות קדשו.

אזוי אויך האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל.ביי משפחת לאקס, וועלכע זענען געזעצן שבעה על פטירת אביהם הרה"ח ר' מרדכי דוב לאקס ע"ה, דער רבי האט מחזק געווען די גאנצע משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## עש"ק פר' צו

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר אברהם יצחק זוסמאן הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

שפעטער איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה יואל סאנדעל הי"ו, ווי דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינה, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

# שבת קודש פר׳ צו - הגדול

פארן זמן הדלה״נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ״ד הגדול, געצינדן די ליכט לע״נ רביה״ק זי״ע, די ליכט ביים עמוד, און געזאגט שיר השירים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן ׳א גוט שבת׳.

⋄

ביים שלחן הטהור בבנין ישיבה קטנה זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן אהרן ארי׳ גינזבורג ני״ו נכד רבינו שליט״א ותלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הגה״צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט״א חדב״ן ומו״ץ, הגה״צ רבי אברהם יודא סג״ל שליט״א, הרב אלימלך לאנדא שליט״א נכד רבינו שליט״א, הרה״ג ר׳ יואל ראזענבערגער שליט״א נכד רביה״ק זי״ע, הרב משה צבי ארי׳ וואזנער שליט״א נכד רביה״ק זי״ע, הרב שמעון לופער שליט״א נכד רביה״ק זי״ע.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה״ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה״צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט״א חדב״ן, שיר המעלות הב׳ אברהם דוד צבי ב״ר יצחק שמעון אסטרייכער ני״ו תלמיד ישיבה גדולה.

שבת נותנים הרב יוסף ראזענבערגער שליט״א נכד רביה״ק זי״ע.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מו״ה איתמר פעלבערבוים הי״ו. שחרית האט געדאווענט הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק לרגל די יארצייט פון אביו ע״ה.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הגה״צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט״א חדב״ן ומו״ץ, לוי הגה״צ רבי שמואל פריעדמאן שליט״א חדב״ן, שלישי הרה״ח ר׳ שלום יחיאל מיכל ארגעל הי״ו לרגל די יארצייט פון אמו ע״ה, רביעי מו״ה משה פאנעט הי״ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי מוה״ר אליעזר גאלדענבערג הי״ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, ששי מוה״ר אהרן ברוך יודא ארגעל הי״ו, שביעי מו״ה משה שמעון יאראסלאוויטש הי״ו, הוספות: הרה״ג ר׳ שמשון פויגעל שליט״א, מוה״ר יואל יוסף טעללער הי״ו פון לאנדאן, אחרון הרה״ח ר׳ יעקב עמרם אסבאג הי״ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק. הגבה מוה״ר יעקב יואל גאלדענבערג הי״ו פון קרית יואל, גלילה מוה״ר אברהם הכהן קרויס הי״ו פון קרית יואל.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ שלום יחיאל מיכל ארגעל הי״ו. פתיחה צו אנעים זמירות מוה״ר ישראל דוד ארי׳ פאנעט הי״ו פון בארא פארק.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די אורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מו״ה משולם פייש גובנער הי״ו פון לאנדאן.

אז ביום השביעי הרב אלי׳ לייב טירנויער שליט״א נכד רביה״ק זי״ע, ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה״ג ר׳ יואל ראזענבערגער שליט״א נכד רביה״ק זי״ע. שיר המעלות הב׳ אלעזר ארי׳ ב״ר אשר לעמיל סג״ל יונגרייז ני״ו.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מוה״ר זאב דוב קרויס הי״ו. די עליות האבן עולה געווען: כהן החתן אהרן ארי׳ גינזבערג ני״ו נכד רבינו שליט״א ותלמיד ישיבה גדולה, לוי החתן אלימלך ב״ר ישראל מרדכי קרויס ני״ו תלמיד ישיבה גדולה, שלישי החתן חיים שלמה יואל ב״ר זאב יעקב גליק ני״ו, הגבה כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, גלילה הב׳ הבר מצוה בן מוה״ר אברהם יצחק זוסמאן הי״ו.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה״ח ר׳ שלום יחיאל מיכל ארגעל הי״ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה״ר ישראל דוד ארי׳ פאנעט הי״ו, מוה״ר נפתלי צבי חיים הכהן לאנדאוי הי״ו, מו״ה אליעזר גאלדענבערג הי״ו, מוה״ר יואל סאנדעל הי״ו.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק, שיר המעלות הב׳ ישראל ב״ר משולם פייש קרויס ני״ו תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק, און דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב׳ חיים אלעזר ב״ר ישראל מרכי פעלבערבוים ני״ו תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן הב׳ שלום אלי׳ ב״ר אשר אנשיל סג״ל יונגרייז ני״ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי האט מכבד געווען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו צו דערציילן סיפורי צדיקים לרגל די יארצייט פון אביו הרה״ח ר׳ בנימין זאב זוסמאן ז״ל משב״ק ויד ימינו של רביה״ק זי״ע.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.



בעזהשי"ת

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י · בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## ◆ סדרי וזמני חג המצות ◆

### ימים הראשונים

**מנחה ערב יו"ט**............................בשעה **7:55**

עריכת הסדרים תיכף אחר התפלה בהיכל הטישן #9

**שחרית ב' ימים**............................בשעה **10:00** ברכות

שלחן הטהור תיכף אחר התפלה בהיכל הטישן #9

**מנחה יום א'**............................בשעה **8:15**

ספירת העומר אחר הסדר בערך בשעה 2:00

### שבת חול המועד

**מנחה יום ב' ערב שב"ק**............................בשעה **8:00**

עריכת שלחן הטהור תיכף אחר התפלה בהיכל הטישן #9

**תהלים**............................בשעה **7:45**

**שחרית**............................בשעה **10:00** ברכות

שלחן הטהור תיכף אחר התפלה בהיכל הטישן #9

**מנחה**............................בשעה **7:20**

ואח"כ שלש סעודות בהיכל הטישן #9

קבלת קהל מוצאי שבת משעה 9:45 עד 10:30
בחדר פרטי בביתו נאוה קודש #9

**שלחן הטהור מוצ"ש חוה"מ**............................בשעה **10:45**

בהיכל הטישן #9

האורחים החשובים מוזמנים לסעוד אצל השלחנות הטהורות

בברכת שמחת יו"ט וחג כשר ושמח

**הנהלת הקהלה**

בעזהשי"ת

קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י · בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

◆ סדרי וזמני חג המצות ◆

### ימי חול המועד

כל התפלות חוה"מ בביהמ"ד הגדול | המקוה בבנין ביהמ"ד הגדול פתוחה

**שחרית**............................בשעה **8:00** ברכות

**שלחן הטהור ביום א' וב'**............................בשעה **9:45** בבוקר

בהיכל הטישן #9

ביום ג' לא יתקיים שלחן הטהור בבוקר
סעודת פרישטאג להאורחים משעה 9:45 עד 11:00 בהיכל הטישן #9

קבלת קהל ביום א' וביום ב' בשעה 4:45 אחצ"ה
בחדר פרטי בביתו נאוה קודש #9

**שלחן הטהור ביום א' וב'**............................בשעה **6:15** אחצ"ה

בהיכל הטישן #9

**מנחה ומעריב**............................בשעה **8:15**

### ימים אחרונים

**מנחה**............................בשעה **8:10**

**שלחן הטהור**............................בשעה **10:30**

בהיכל הטישן #9

ברכת המזון אצל שלחן הטהור בהיכל הטישן, ולא בביהמ"ד

**שירת הים ברוב עם**............................בשעה **11:45**

'בהיכל ביהמ"ד הגדול'

**שחרית שביעי של פסח**............................בשעה **10:00** ברכות

שלחן הטהור תיכף אחר התפלה בהיכל הטישן #9

**מנחה**............................בשעה **8:15**

**שלחן הטהור**............................בשעה **10:00**

בהיכל הטישן #9

**שחרית אחרון של פסח**............................בשעה **9:30** ברכות

**יזכור בערך בשעה 12:15**

שלחן הטהור תיכף אחר התפלה בהיכל הטישן #9

**מנחה**............................בשעה **7:00**

**ואח"כ נעילת החג בבית המדרש הגדול**

האורחים החשובים מוזמנים לסעוד אצל השלחנות הטהורות
בברכת שמחת יו"ט וחג כשר ושמח

**הנהלת הקהלה**

---

מזון הנפש
דקהל אור החיים ד'טאהש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = יו"ט פסח =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק צו | דף עב: | דף סט. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף עג. | דף סט: | דף קסז. | דף קסד: |
| מאנטאג | דף עג: | דף ע. | דף קסז. | דף קסה. |
| דינסטאג בדיקת חמץ | דף עד. | דף ע: | חזרה | דף קסה: |
| מיטוואך ערב פסח | דף עד: | דף עא. | חזרה | דף קסו. |
| דאנערשטאג יום א' דפסח | דף עה. | דף עא: | חזרה | דף קסו: |
| עש"ק יום ב' דפסח | דף עה: | דף עב. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת אחרי קדושים

חבורת ז' עמודים – כל סו. - פ:

חבורת ה' עמודים - קסד. - קסט:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

---

## פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר **יודא לייב לעפפלער** הי"ו
(מאנטריאל)

לע"נ אביו הרה"ח ר' **חיים** ב"ר
**ברוך אברהם** ע"ה
יארצייט ט"ז ניסן - ב' דפסח

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

---

## קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

718.451.8674 | 514.500.8674

0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט ארייצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

---

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

י"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד